STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03191

IN SHAYN FUN BRENENDIKN DORN

Nahman Rapp

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן ראַפּפּ

אין שײַן פֿון ברענענדיקן דאָרן

לידער און פּאָעמעס

הוצאת „פרסומים" בע"מ
תל־אביב 1958 ישראל

נחמן ראפפ: שירים ופואימות

Printed in Israel
דפוס החברה המאוחדת להדפסה בע"מ, ת"א



מיין מאמע צביה־רחל, מיין טאטע יצחק־יהושע, מיינע שוועסטער — שרה, רבקה און רייזל, מיין ברודער דוד, אומגעקומענע דורך די נאצישע רוצחים.

אַ בלום אויף זייער אומבאַקאַנטן קבר.

דער מחבר.

פארלענד

פאַראַן אַ שעה

פאַראַן אַ שעה ווען יעדן מיינעם אבר
פאַרשעלט איך מיט פאַרקריצטע ציין — —
ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געלאָזט צום קבר
גיין דיך אַ צעשראָקענע אַליין.

אַזויפיל שרעק און פּיינען איינגעזויגן
און איך האָב נישט געטיילט מיט דיר דיין ווײ,
אַמאָל האָב איך געקושט דאָך דיינע אויגן,
געטרונקען ווי פאַרכאַלעשט זייער בלוי.

איך ווייס, עס וואָלט נישט לייכטער דאַן געוועזן דיר,
דיין לעצטן וועג באַגלייטן זאָל מיין גאַנג,
ווייל אין גרויליקער סכנה דאַן דערזען מיך,
עס וואָלט נאָך אומגליק מיינס געטאָן דיר באַנג.

נאָר איך בין אַ פאַרשאָלטענער פון יענעם טאָג אָן,
אין אַנגסט איך פּיבער און געפין זיך נישט קיין רו,
ווייל ווען עס ענדיקט זיך די נאַכט און ס׳שפּראָצט אַ שטראַל אויף
איך וואַרט אויף זון — און אין גרוב ביסטו.

דעריבער טרעפט אַ שעה ווען יעדן מיינעם אבר
פאַרשעלט איך מיט פאַרקריצטע ציין —
ווי איז מיר, וואָס כ׳האָב געלאָזט צום קבר
גיין דיך אַ צעשראָקענע אַליין.

פלאמען

(דראַמאַטישע פּאָעמע)

„...אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן...״

שוועסטער מיינע קליינע, מיט צעפּ מיט אַש־קאָלירקע,
שרהלע, פאַרברענטע אין פייער־פלאַם אויף קוילן,
עס רופט איצט דיין געשטאַלט אַרויס פון קאַלד־אויוון פון גליאיקן,
דיין ברודער איינציקער, פאַריתומטער פון פוילן.
וועב זיך אין מיין חלום איין אין נאַכט אין פיין־פאַרשלאָסענער,
מיט פלאַם פון דיינע האָר צינד אָן אין האַרץ ביי מיר אַ פייער,
און זאָלן ביידע מיר, אין וועלט אין נאַכטישער צעשאָסענער,
אין חשכות אויפפלאַמען, ווי אַ פלאַקערדיקער שייער — — — — — —
עס הויבט אונדז אויף דער פלאַם אויף זיינע פליגל שפּיזיקע,
דו וויגסט זיך אין מיין אָרעם — אַ פלאַמיקע מרכבה,
ווי ס׳האָט אַמאָל, פון שונאס האַס פון גיריקן,
צום הימל אויפגעלויכטן דער דראָענדיקער נביא.
אַט אַזוי, אויף רוקן וואָלקנשן דיין לייכטן גוף צי אויס איצט,
לאָז שפּילן זיך דעם ווינט מיט שויבער פון דיין צאָפּ,
דיין בענקשאַפט די פאַרברענטע אין פייער בראַנד גלי אויס איצט,
פאַר דיין ברודערס זינקענדיקן, אָבלדיקן קאָפּ.

ש ר ה:

זע באַר נחמן, קוק ארונטער
פון אונדזער פלאַם די ערד געוואָרן צונטער.

א י ך:
נאָך איידער דו האָסט זיך צו מיר באַוויזן,
געזען האָב איך אין הימל פֿייערדיקע שפּיזן,
נאָר נישט געברענט זיי האָבן מיך,
זיי האָבן מיך געגלעט.
דו ווייסט דאָך, שרהלע,
אַ פּאָעט,
זעט שטענדיק נאָר די זונשײַן
און די ליבע...

ש ר ה:
די ליבע איז אויך איצטער נאָך געבליבן.
כאָטש ס'האָט דער ווינט זי ווײַט פֿאַרטריבן
צוזאַמען מיט אַש פֿון קערפּער פֿון פֿאַרקוילטן.
נאָר איצט איז זי דערפֿאַר אונדז טאָפּלט טײַער,
זי לויכט נישט ווי די זון, נאָר גליט ווי פֿײַער!

א י ך:
ווי פֿײַער?
אַמאָל האָב איך געמיינט,
אַז פֿײַער,
איז נאָר פֿאַר טײַוולס אַרבעט אַ צושטײַער.

ש ר ה:
אָ, ברודער מײַן געטרײַער!

איך זע,
נאָך שריפות פלאַקערדיקע
און וואָלקנס רויך געדיכטע,
דו ביסט געבליבן אַליין דערזעלבער,
אַ נאַאיווער דיכטער.
און מיינסט נאָך איצט,
אַז אַלץ וואָס טייער,
קאָן אויסברענען דער פייער!
קום, ברודער מיינער,
פון וואָלקן קום אַרונטער,
כ׳וועל פירן דיך
אין אייביק־רויטן צונטער,
דאָרט האָבן אַלע
פלאַמען זיך פאַרזאַמלט,
פון אָשוויענטשים,
טרעבלינקע און מיידאַנעק,
און האָבן זיך באַהאַלטן
מיט שריפות און מיט רויכן
פון פאַרברענטן,
גישט דערברענטן היכל...
דאָרט וועסטו זען
די אַנגעגליטע ליבע,
פון זקנים און פון
יונגעלייט צוזאַמען,

מיר וועלן טרעפן דאָרט
אַ פלאַם אַ ליכטיקן —
אונדזער מאַמען.

א י ך:
ביסט מיט דער מאַמען נישט צוזאַמען?

ש ר ה:
כ׳האָב נישט געוואָלט פאַרזאַמען
אויפן רוף פון דמיון דיינעם
און כ׳בין צו דיר געקומען.
נאָר זע: די נאַכט זי קאָרטשעט זיך אין ווייען,
עס גרויט דער מזרח און עס ברעכט אויף טאָגן,
מיר מוזן איילן זיך אין צווייען,
און צו דעם פלאַם פון אונדזער מאַמען
זיך דערשלאָגן.

א י ך:
הימל, שטערן
טונקל ווערן,
טרוקן ווערן ימען,
ס'גייט אַ יתום
איצט באַוויינען
זיין פאַרברענטער מאַמען.

רוקן בערג זיך
איצט פאַנאַנדער
נאָנט ווערן אין־סופן,
ס׳גייט א יתום
צו זיין מאַמעס
בלוטיקער הקפה.

וויקל מאַמע
אויף דעם שלייער
פון דיין פלאַמען־מאַנטל,
ס׳וויל דער יתום זיך
אין מאַמעס
פייער־קלייד באַהאַלטן.

מ אַ מ ע :
שרהלע, קינד מיינס,
ווער איז דער מענטש?
וועמען האָסטו געבראַכט מיר?

ש ר ה :
אוי, מאַמעלע קרוין,
אַ ליכט אויף דיין קאָפּ,
דאָס איז מיין ברודער,
דיין זון,
דאָס איז נחמן!

מאַמע:

נחמן?

אַ קלאַנג אַזאַ נאָנטער, באַקאַנטער!

ווי שוואַרץ זעסטו אויס אין מיין שיין דעם

צעשטראַלטן...

איך:

האַרציקע מאַמע, דערקענסט נישט דיין קינד,

אין שוואַרצער אבילות פאַרבליבן?

זאָל דיר דיין פלאַמיקן שלייער דער ווינט

פאַרהויבן פון אויג, דערזען וועסט אַצינד

דיין קינד, דעם איינעם פון זיבן...

מאַמע:

כ׳דערקען דיך, מיין קינד,

אָבער ווי קומסטו אַהער,

אין אַן עדה פון יידן אין פלאַמען?

דערקאָנט דיך דער מערדער,

אַז דו ביסט אַ ייד,

איז דעמלט, אַז וויי צו דער מאַמען.

(פאַרדעקט מיך מיט איר פייער־קלייד)

אָט אַזוי, מיין זון,

איצט באַשירעמט ביסטו

פון געפאַרן, פון ערדישע שלאַנגען,
מיר זענען באַפרייטע
איך און דו,
פון פּחדים און קליינע פאַרלאַנגען...

שרה:
די מאַמע רוט אין בלאָ פון ליכט,
צוקאָפּנס אַ נר תמיד.
דו ביסט געקומען אומגעריכט
איר איבערראַשט, ווי תמיד.
אַ מאָדנע זאַך: איך האָב געמיינט
זי האָט די טרערן אויסגעוויינט
נאָך ביי דער טיר פון אויוון,
נאָר גאַנץ אָפט זע איך נאָך ביי איר
אין שלאָף, ביי יעדן מינדסטן ריר,
ווערן פול מיט הייסן ברי,
אירע אַלטע אויגן.

איז זאָל זי רוען דאָ אַצינד.
איך גיי אַ בעט טאָן נאָר דעם ווינט,
ער זאָל איר פלאַם פון גרויען קאָפּ
לינד און מילדער מאַכן,
און רואיק שטיל זאָל זיין איר שלאָף
מיט דער שטילקייט פון אין־סוף,

ווי אַן אומשולדיקע שאָף —

ביז זי וועט דערוואַכן... (פויזע)

נו, צייט שוין, נחמן, מיר צו גייִן,
עס גייט שוין אויף דער מאָרגן־שייַן.
דייַן קאָפּ איז אָנגעגאָסן בלייַ
און ס׳ציט דיך צו דער ערד שוין.
און איך בין פלאַטער, זייַל פון רויך,
איך מוז דערשוועבן ביז אין הויך,
איידער נאַכט גייט שנעל פאַרבייַ,
איידער ליכטיק ס׳ווערט שוין.

דער טאַטע ענדיקט אויך שוין באַלד
אין דעם גרויסן תוהו־וואַלד
די אסיפה מיט די זקנים,
און איך מוז אויפן אָרט זייַן באַלד,
איידער לעצטער שטערן פאַלט
אין רו מיט זיי אינאיינעם.

איך:
אָ, שרהלע, שוועסטער, ווי קאָן מען אַזוי
אַן איינציקן ברודער פאַרשטויסן?
צי קאָן איך נישט בלייבן מיט דיר און מיט זיי,
איידער צו וואָגלען אין פּראָסטיקן שניי
פון עלנטן ערדישן דרויסן?

הייליקע מנורות,
מיט טמא הענט פֿאַרלאָשענע,
פֿייער־פֿלאַם צעצונדענער
אין קדושה ווי דער סנה,
ברענענדיקע תורות
מיט בלוט און פֿלאַם באַגאָסענע,
עקידות אויפֿגעבונדענע
פֿלאַמט אויף און מיך דערזעט.

אויב ס'האָט געקאָנט דער ס"ם
די קדושה מנצח זיין
און האָט מיט פֿייער אויסגעצערט
דעם שטראָמענדיקן ים,
זאָל אויף אייער פֿלאַם
זיך עלנט משוטט זיין
דער יתום, דער פֿאַרבליבענער
פֿון אָפּגעברענטן שטאַם.

הייליקע מנורות
מיט טמא הענט פֿאַרלאָשענע,
פֿלעכט אין אייער פֿלאַם מיך איין,
ווי אייערן אַ קינד.
ברענענדיקע תורות,
מיט בלוט און פֿלאַם באַגאָסענע,

נעמט מיך אין דער ליכט אַריין,
איידער עס באַגינט...

שרה:
זע די נאַכט איז אַוועק, בלויז אַ טונקעלער פלעק
איז פון פינצטערניש אירער געבליבן.
ס׳קומט די מאָרגנשיין אָן און מיט איר קומט אויך אָן
דו, דער איינער געבליבן פון זיבן.

ס׳איז די גרויסקייט פון פלאַם, וואָס דערוואָרעמט דעם שטאַם,
וועלכער איז דאָך קיין פלאַם נישט געוואָרן.
קוק זיך אום, נישט פאַרזאַם, פון דיין טרער ווערט אַ ים
און אין ים ווערסטו איבערגעבאָרן...

וועט דער ים אונטער זון זיך דערוויסן דערפון
און אין שיין דיינע טרערן ט׳ער קלייבן,
וועט ער ווערן דערפון נאָכמער פולער און פול
און דו וועסט דעם וווּנדער פאַרשרייבן...

אין דער נאכט פון אפריל...

אין דערדאָזיקער נאַכט, אין לבנהקער שיין,
באַוויַון האָט זיך אַ געשטאַלט פון אַ מאַן,

אויף טויער פון געטאָ, וואָס לויערט אין שטיל,
אין לבנהקער נאַכט, אין דער נאַכט פון אַפּריל.

ווי' פאַרמעט עס האָט זיך געקנייטשט זיין געזיכט,
זיין שטערן געשיינט האָט מיט שטראַליקער ליכט.

ער ווענדעט זיין לויטערן בליק אין דער טיף
פון געטאָ, וואָס שווימט ווי אַ פינצטערע שיף.

זיין בייגיקע האַנט טוט דעם חלל אַ ריר:
— אין שעה פון נסיון איך קום איצט צו דיר!

באַווייזט זיך אַנטקעגן אויף חרובער וואַנט
אַ בחור אַ יונגער און שטרעקט אויס זיין האַנט:

— אָ לערער, וואָס זוכסטו אויף פינצטערע גריבער?
דו ביסט דאָך דעם ים־סוף פונלאַנג שוין אַריבער.

צי זעסטו דען נישט פון די ליכטיקע הויכן,
אַז ס'איז נישט באַשערט אונדז דעם ירדן דערגרייכן...

בליצט איך אַזאַ ליכט אין די אויגן פון זקן,
דער חושך אַרום פאַרשווינדט ווי דערשראָקן :

— דער נס פון דעם ים־סוף זאָל לויכטן דיר טייער,
און קאָנסט נישט מיט וואַסער — איז מוזסטו מיט פייער !...

אויפלויכטן וועסטו אין ליכטיקע שטראַלן,
ווען טויער וועט ברענען, ברעכן און פאַלן.

— — — — — — — — — — — — — —

צעברענט זיך אין האַרץ פון דעם יונגן אַ גלויבן :
דעם כבוד פון פאָלק אין פייער דערהויבן !...

דער יונגער גענעראַל...

אויפֿן ברענענדיקן מויער
ווי אַ פֿלאַמענדיקער שטראַל,
מיטן בליק צום געטאָ־טויער
שטייט דער יונגער גענעראַל.

פֿייערדיקע צונגען אויבן
וועבן אים אין רויך־וואַל,
און מיט ביקס אין האַנט פֿאַרהויבן
שטייט דער יונגער גענעראַל.

ער ווייסט, די שלאַכט איז שוין געוווּנען
באַלד ביים ערשטן קאַמף־געשאַל,
עס איז זיין פֿאָלק אין רום פֿאַרשפּונען,
זעט דער יונגער גענעראַל.

הילכן לעצטע קאַמף־געשרייען,
לעצטער מויער טוט אַ פֿאַל,
אין לופֿט זיי שוועבן איצט אין צווייען —
דער רום און יונגער גענעראַל.

איז דינסט פון פאלק

און דער וואָס האָט דעם ווײַ פֿון פֿאָלק פֿאַרזוכט,
דער קאָן מיט אים צום שטערן־ליכט דערלאַנגען,
און האָט ער נאָר געפּרוווט, אַ טרייסט פֿאַר פֿאָלק געזוכט,
איז ער שוין ווי אַ שטערן אויפֿגעגאַנגען...

דער גורל פֿון זײַן פֿאָלק צעוויקלט ווי אַ פֿאָן,
מאַכט מײַלן ברייט פֿאַר אים די דלד אמות,
פֿון אומעטום די נאַכט אים מאָנענדיק דערמאָנט:
צינד אָן דאָס ליכט, צינד אָן און נישט פֿאַרזאַם עס!

נידערט ער צום קוואַל פֿון גבורה און פֿון פּײַן,
און טרינקט זיך דורשטיק אָן מיט ווײַן און ווײ צוזאַמען,
ער זאָל אין הויכעניש פֿון שטאָלצן שטערן־שײַן,
אָפּהיטן ווײַן האַרץ פֿון לאָקנדיקע פֿלאַמען...

ווײַל דער וואָס האָט דעם ווײַ פֿון פֿאָלק פֿאַרזוכט,
קאָן יאָ מיט אים צום שטערן־ליכט דערלאַנגען,
נאָר דער וואָס האָט פֿאַר פֿאָלק אַ טרייסט געזוכט,
ער איז שוין ווי אַ שטערן אויפֿגעגאַנגען...

חלומות

זיי קומען ווי בעטער, ווי מאַנער,
אַמאָל ווי אַן אביון ביים טיר,
מיט בילדער זיי ווילן דערמאַנען,
און וואַרטן אויף ענטפער ביי מיר,

פאַרוואָס כ׳האָב די היים מיינס פאַרגעסן,
די פעלדער מיט בלומען באַמאָלט,
אַלע נאָענטע און בעסטע,
מיין גאָרטן וואָס טונקט זיך אין גאָלד.

מיין מיידל צעוואָרפט אירע לאָקן,
און טראָגט מיר איר קאָפּ אויף איר האַנט,
מיט בליקן שטומע צעשראָקן,
זי ווייזט מיר אויף יענער זייט וואַנט —

ווו ס׳שטייען נאָך פריילעך די הענקער,
וואָס האָבן געשענקט איר דעם טויט,
זיי לאַכן פון שכרות באַטרונקען,
ווי זי גייט אָפּ אין בלוטיקן רויט.

כ׳קוש אין דעם קאָפּ אין דעם טויטן,
נאָר איר גוף איז פאַרשוווּנדן פון מיר,
אַ חושך אין צימער פאַרשפרייט זיך,
איך זוך צו פאַרריגלען די טיר.

און פּלוצלונג דערזע איך פון באַלקאָן —
מיין טאַטנס גאוֹנישן קאָפּ,
די אויגן צוויי בלוטיקע שפּאַלטן,
מיט בלוט צו מיר טריפן אַראָפּ:

אַזוי האָט דאַרפן געמוזט זיין,
אַזוי איז געוועזן די גזרה,
איצט ברענט ביז אין טיפסטן באַוווּסטזיין,
די קראַפט פון דיין פסולער תורה.

נאָר דו ביסט מיין זון דאָך געבליבן,
דיר האָב איך נאָך עפּעס צום זאָגן,
מיט בלוט פון מיין האַרץ כ׳האָב פאַרשריבן,
אַז דו זאָלסט מיין טויט נישט באַקלאָגן.

מאַך גרייט דיינע טריט צו דעם נייעם,
פאַרגעס אָן דער אַלטער אַבידה,
און גיי דיינע ברידער באַפרייען,
וואָס בלוטיקן אויף דער עקדה.

ליַיקן אין אַלץ וואָס דו גלייבסט איצט,
און גלויב אין וואָס האָסט געלייקנט,
דערמאָן זיך אין וואָס דו געדענקסט נישט,
פאַרגעס וואָס דו ווילסט נאָך געדענקען.

דיַין פאָלק אין בלוט איז פאַרגאַנגען,
נאָר שטארק איז בײַ אים נאָך דער ווילן,
איז דאַרפסטו די הייסע פאַרלאַנגען,
מיט גבורה און טאַט איצטער שטילן.

— — — — — — — — — —

דער הימל צעוויינט זיך אין פענצטער,
דאָס האַרץ איז מיר בלוטיק פאַרוווּנדעט,
בענטש איך די חלום־געשפּענסטער,
און פאַרשעלט מיַין שוואַרצן יאָרהונדערט...

דאס מיידל מיט די בלויע אויגן

(געטאָ־באַלאַדע)

זי שטייט ביי דעם פענצטער מיט אויגן מיט בלויע,
זי שניידט זיך אין טאָג איין, אין גרוילעכן רוים,
דער האַרבסטיקער טאָג ליגט געפאַנגען אַ גרויער,
און ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

דער שונא אין געטאָ ער לויערט ווי אַ חיה,
זיין שפּיז זוכט דעם קרבן אין פריי און געהיים,
עס יאָמערט דער ווינט ווי אויף אַ בייזער לוויה,
און ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

זי עפנט דאָס פענצטער די אויגן פאַרשליסט זי:
אַ בלייב מיט מיר טייערער, כ׳קאָן נישט אַליין,
קוק נישט אויף טרער פון מיין אויג, איך פאַרוויש זי,
אַ ווי ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

נאָר דאָ הערט זי פּלוצלונג אַ ווילדן געלעכטער:
אַ מעדכען, מיט אויגן מיט בלויע ווי שיין!
זיין בליק ווי זיין שפּיז אין דעם פענצטער פאַרשטעכט ער,
און ס׳ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים.

זי קוקט און זי זעט מיט די אויגן די בלויע,
פון אונטן אַ מחנה באַנדיטן דאָ שטיין.
דער עלטסטער, דער יונגער, ער לאַכט מיט הנאה,
אָ ציטער נישט האַרץ ווי דאָס בלאַט אויפן בוים...

אַ רגע פאַרשווינדט זי און ווידער דערשיינט זי,
מיט אויגן מיט בלויע, מיט לאָקן אַ קרוין,
אָ קום צו מיר, ליבער, דעם שונא לאַדט איין זי,
און וויגט מיטן קאָפּ ווי דאָס בלאַט אויפן בוים.

נאַט אייך מיין לייב, אָ איר מערדער פון טאַטעס,
נאַט אייך און קוויקט זיך ווי איר ווילט זיך אַליין,
נאָר צוזאַמען מיט מיר באַקומט אויך גראַנאַטעס,
אָט דאָס קאָן א ציטעריק בלאַט אויפן בוים!

פאַרשפּינט אין גראַנאַטעס צום ברוק ז'איז געפאַלן,
אַ פלאַם און אַ דונער פאַרשטיקט האָט דעם רוים,
עס ליגט אַ צעפליקטע די מחנה שאַקאַלן,
און... ס'ציטערט אַ בלאַט אויפן יונגינקן בוים...

צו פוילן

כ׳האָב מײַן לעבן דיר פֿאַרמשכּנט
כ׳האָב מײַן האַרץ דיר אָפּגעגעבן,
כ׳האָב גענומען אויף מײַן אַקסל
די אחריות פֿאַר דײַן לעבן,
כ׳האָב מיט בלעטלעך אויפֿן מויער
רויטע פֿאָנען אויף די דראָטן,
אָנצינדן געוואָלט דײַן גראָקייט,
פֿרײַהייט־ברויט פֿאַר דיר געקנאָטן,
פּוילן, פּוילן, האָסט דײַן יום־טובֿ
אַרויסגעריסן פֿון די פֿלאַמען,
נאָר איך, אין קריעה רײַס מײַן אָנטאָן
און באַוויין אין גרוב מײַן מאַמען...

ס׳בליִען פֿריילינגדיק די פֿעלדער
פֿון דײַן פֿרײַהייטס־טאָג די עדות,
און ס׳דערציילן דײַנע וועלדער
פֿון דײַן גבֿורה העלע סודות,
פֿון דײַן זון וואָס גייט אויף ליכטיק
אין געלײַטערטע מעת־לעתן,
און באַפֿעלן דיר אַז ריכטיק
איז דעם פּײַן פֿון האַרץ פֿאַרגעסן,

נאָר אין קברים טויזנט־קעפּיק
ליגט באַגראָבן דאָרט מיין מאַמע,
און עס איז דער בוים נאָך קלעפּיק
פון איר בלוט אויף זיינע שטאַמען.

ס׳וועט די זון ווי אין בראשית
טובלען זיך אין טייך אין קלאָרן,
ס׳וועלן דיינע שטעט זיין רוישיק
ווי אין אַלטע גוטע יאָרן,
וועסט נאָך זוכה זיין דיין שפע
זאָל אויך זיין אין קעלער־שטיבער,
און צעבליען וועלן בלומען
אויף די טיפע, רויטע גריבער,
נאָר איך איינער קום איצט ווידער
מיט מיין ווײ און פּיין געאָרעמט,
צום באַוויינען מיינע ברידער
די וואָס רופן פון די קברים...

באלאדע

אין האַרץ פון דער נאַכט, ווען די זילבערנע שטערן,
פינקלען ווי דימענטן איבער מיין דאַך,
די לבנה שווימט אום — אַ בלאַסער לאַמטערן
אין האַנט פון דעם פינצטערן שומר — די נאַכט,

פירט מיך מיין בענקשאַפט אַרויס פון מיין חדר,
ווו ס׳האָט זיך מיין עלנט געמאַכט אַ געצעלט,
מיט באָרוועסע טריט און צעריסענע קליידער
זוך איך אַ ליכט אין דער פינצטערער וועלט.

טרעף איך מ״ין זיידן, דעם גרייז־גרויען זקן,
מיט אויגן מיט בלינדע, ער שטייט און ער שווייגט,
עס שויבערט דער ווינט אים די זילבערנע לאָקן,
און ס׳פּאַטשט אים אין פנים אַ טרוקענע צווייג.

די אויגן די בלינדע דערציילן פון שרעקן,
דאָס בלוט אויף זיין פנים פון שמערצלעכן וויי,
ער וועגדעט צו מיר זיין פאַרהויבענעם שטעקן,
זיין שטימע קלינגט אָפּ ווי פאַרשטיקטער געשריי:

„פונוואַנען די וועלט האָט איר ליכטיקן אָנהייב
ביז דאָרט ווו עס לויערט געהיים דער אין־סוף,
איך זוך דיך אַרום דיין חוב צו דערמאָנען,
און שטענדיק איך טרעף דיך פאַרזונקען אין שלאָף.

נאָר איצט ווען דיין עלנטקייט האָט דיך פאַרטרונקען,
און האָט דיך פאַרפלייצט צו דעם פינצטערן ברעג,
מאַך אויף דיינע אויגן פון חלום פאַרזונקען,
און קום לאָמיר מאַכן צוזאַמען דיין וועג.

איך וועל מיין צעבלוטיקטן האַרץ ווי אַ פאַקעל
דיר טראָגן אַנטקעגן ווו דו וועסט גיין,
ביז דו וועסט קומען און טרינקען פאַרמאַסטערט
פון זילבערנעם קוואַל ווו ס״ט געוואָרפן אַ שטיין...

הייב איך אָן שטאַמלען: איך קאָן דיך נישט אַלטער,
ווי קומסטו אַהער פון די קבר׳שע ברעטער,
דיין פנים דערציילט פון יאָרהונדערטער אַלטע,
און איך בין געבוירן מיט טויזנט יאָר שפּעטער...

ס׳איז נאָנט מיר דער ווינט אין זיין מעכטיקן ברומען,
דער גלאַנץ פון די זוניקע גילדערנע שטראַלן,
ווייל ביידע — דער ווינט און די זון ווען זיי קומען,
לויכטן און ברומען פאַר מיר ווי פאַר אַלע...

וויינט זיך דער זקן פונאַנדער אָן טרערן:
ווי איז צו דיר וואָס פאַרשעמסט מיינע ווונדן,
און ווי איז צו מיר, וואָס איך מוז עס בלויז הערן,
און בין ווי משיח אין קייטן געבונדן...

סודות־פול שטיל עס פינקלען די שטערן,
נאָר איך פיל דעם שאָרף פון האַרבסטיקע בלעטער,
און כ׳שטאַמל אַ וואָרט פול מיט ווייטיק און טרערן:
בין איך עס טאַקע געוואָרן פאַררעטער?...

באלאדע וועגן צווי הערצער

בייטאָג, ווען די וועלט ליגט אין זונשיין פֿאַרטרונקען,
און ס׳באָדט זיך אין ליכט אויף די פעלדער דער קאָרן,
ליגן קברים פֿאַרמאַכט, ווי אין סודות פֿאַרזונקען,
ווי זיי וואָלטן שוין דאָ זיין פון טויזנטער יאָרן.

ליגן קברים פֿאַרמאַכט אויפן פעלד פון פּאָנאַרע,
צווישן שמירה פון בוימער אין וואַלד באַבי יאר,
עס טרעפט, אויפן הימל אין וועג נאָר אַ כמאַרע,
פֿאַרגייט פונעם וואַלד און דערגייט צום פּאָנאַר.

נאָר קומט אָן די נאַכט און אין טונקעלן שלייער,
פֿאַרוועבט זי דעם וואַלד מיט די וועגן צוזאַמען,
עפנט אויף זיך אַ גרוב ווי אַ פינצטערער טויער,
פון אונטער די ביימערס פֿאַרוואָקסענע שטאַמען.

פון דאָרט שלייכט אַרויס זיך אַ גוף פון אַ מיידל,
מיט קאָפּ אויף איר האַנט, אויף איר צווייטער דאָס האַרץ אירס,
מיט באָרוועסע טריט אין פֿאַרבלוטיקטע קליידער,
זי גייט דורכן וואַלד אויפן וועג צו פּאָנאַר צו.

זי גייט צום געליבטן פון ווילנע דערזאָגן
וואָס ז׳האָט נישט באַוויזן דערזאָגן ביים לעבן,
און האָט אים אויף האַנט אירס געבראַכט איצט צעטראָגן,
וואָס ז׳האָט נישט באַוויזן ביים לעבן אים געבן:

איר האַרץ, וואָס איז ריין ביזן קבר געבליבן,
איר גוף — אַ צעפליקטן אין בלוטיקע ווונדן,
מיט בלוט אויף איר קלייד איז איר אומשולד פאַרשריבן,
ווי פלאַמיקע אותיות אין חשכות צעצונדן.

ביז רגע ביז לעצטער ביים אָפענעם קבר,
זי האָט נישט געבראָכן איר שטאָלץ און איר ווילן,
איצט טראָגט זי די ריינקייט פון יעטוועדן אבר,
נאָר איינציק פאַר אים, איר געליבטן פון ווילנע.

אויף פעלד׳ער צו קיעוו דורך פינצטערע וועגן,
צו קברים פאַרזייטע אין וואַלד באַבי־יאַר,
עס גייט דער געליבטער מיט טריט איר אַנטקעגן,
דער יידישער בחור פון קבר פאָנאַר.

ער טראָגט איר זיין האַרץ אין די פינגער פאַרהויבן,
צו שטערן געוועגדט ווי אַ בלוטיקער פלאַם,
אזוי כ׳בין געשטאָרבן מיט גבורה און גלויבן,
און האָב נישט פאַרפלעקט מיין הארץ און מיין שטאַם.

זיי הייבן די הערצער צום שיין פון די שטערן,
אַ פלאַם נעמט פאַרוויקלען דעם וואַלד באַבי־יאַר, — — —
די נאַכט שפרייט אויף מיילן איר פינצטערניש שווערע,
אויף קברים פון וואַלד און אויף פעלד פון פּאָנאַר...

אויפן קבר פון פּרץ מאַרקיש

ביים ראַנד פון גרוב איז ער געשטאַנען שטאָלץ,
ער האָט געוווּסט שוין אַז ס׳איז נישט קיין טעות,
אַזוי איז אייביק שוין געווען דער באַצאָלטס,
פאַר אומגיין אומבאַשיצט צווישן חיות רעות;
עס ווילט זיך שוין אפילו נישט אויפהייבן דעם בליק,
צוואָס נאָך מיד מאַכן די אויגן, די פאַרשמאַכטע,
ס׳איז זיין פאָלק פונלאַנג באַשערט דאָס פינצטער גליק:
הא לחמא...

באַרואיקט וואַרט ער אויפן זאָלפּ פון דעם נאַגאַן,
כדי נאָכדעם די רואיקייט באַקומען,
אינמיטן שוואַרצן קראָען־באַלאַגאַן,
ווייסט דער אָדלער: גלייכער איז צו שטומען.
אליין ער רייסט זיך קריעה פאַרן טויט,
און ס׳פאַלט קיין וואָרט נישט פון דעם מויל פאַרמאַכטן,
זיין גורל האָט דער זיידע פון לאַנג אים שוין פאַרגרייט:
הא לחמא...

נאָר אין דער טיף עס ווייטיקט אַ געדאַנק:
דער גורל האָט אים פאָרט באַוואָלט און פאַרהיפּערט,
עס וואָלט אים נישט געטאָן אַזויפיל באַנג,

ווען ער וואָלט שטאַרבן, אין זיינע ספרים איינגעוויקלט,
צוזאַמען נידערן מיט זיי אין טאָל,
וואָס וועט אייביק ברענען מיט פאַראַכטונג,
און אויפגיין וועט פון זיי אין פלאַם זיין קול:
הא לחמא...

אין אויג גייט אויף דער בלויער גלאַנץ,
וואָס וועבט זיין לעצטע שעה מיט ווייטע דורות,
דאָס וואָרט איז דאָך געבליבן גאַנץ,
דורכגעברענט אין אַלע פייער־גזירות;
ער האָט געוווּנען אויך די לעצטע שלאַכט,
די סאַמע וויכטיקסטע פון שלאַכטן,
עס וועט זיין פאָלק דערהערן אין דער נאַכט:
הא לחמא...

אנטוישונג...

איך נידער אויף טונקעלע טרעפּ,
ביי קאַלטער, פינצטערער וואַנט,
מיט פאַרזיכט די טריט מיינע כ׳שלעפּ,
און ס׳לעשט זיך דאָס פלעמל אין האַנט,
איך נידער אויף טונקעלע טרעפּ
צו זוכן פאַרלאָרענעם ליכט,
די טרערן — אַ פינצטערער קרעפּ
אין טרויער פאַרדעקן ס׳געזיכט,

אָ גאָט! ביים סוף פון מיין גאַנג,
ביים ראַנד פון דעם חושך אַרום,
פליק אויס מיר מיין הארץ מיט אַ צוואַנג,
כ׳וויל בלייבן אין שטילקייט פאַרשטומט...

אַזויפיל כ׳האָב ליכטער געזען
און פינצטער געבליבן מיין בליק,
איך קאָן שוין נישט גיין צום געוועזן
און כ׳וויל שוין נישט מער צום צוריק,
פאַרשאָלטן בין איך צו גיין
אייביק און שטענדיק פאַרויס,
ביי יעדן בייוועגיקן שטיין
ווייַן איך די אויגן זיך אויס,

אָ גאָט! וועב איין מיך אין שלאָף
פון שטילן, טויטן געוועב,
און זיין זאָל מיין רואיקער סוף
אין נידער פון טונקעלע טרעפּ...

פאַרלאָשן דאָס פלעמל אין האַנט,
די האָפנונג שטאַרבט און פאַרשווינדט,
עס וויינט ביי דער טונקעלער וואַנט
אַ גרייז־גראָ עלנט קינד,
און בעט מיט טרערן אין שטים
אַ שנעלן לופטיקן טויט,
עס ברענט שוין דער חושך אין אים,
מיט פלאַמען צעצונדענע רויט,
אָ גאָט! נישט פאַרלאָז מיך אַצינד
ביי לעצטער מינוט וואָס איך לעב,
עס בעט דיך דיין גרייז־גראָ קינד
דעם טויט אויף די טונקעלע טרעפּ...

צער און צאַרן

אַ וויי צו דעם וואָס זעט זיין חלום אַ צעוואַלגערטן אין מיסטן,
זיין בענקשאַפט די לאַנגיאָריקע צעפּערטלט און צעקנאָטן,
און ער בלייבט שטיין ווי נאָך אַ שטורעם, אַן הויז אַ חורבה, אַ וויסטע,
מיט גלויבן אַ באַשפּיגענעם, צעקנאָדערט און צעטראָטן.
אַ וויי צו דעם, וואָס האָט אין האַרץ זיין ליבע אויסגעצערטלט,
און יאָרן לאַנג געוואָרעמט איר מיט זונענשטראַל פון גלויבן,
ביז ס'האָט דער ס"ם מיט טמאער שווערד דאָס האַרץ זיינעם צעפּערטלט,
און אויסגעוואַלגערט עס אין אַלע עקלהאַפטע שטויבן.
איך בין דער מאַן פון דעם פאַרשאָלטענעם יאָרהונדערט
וואָס האָט געזען אין מיסט זיין הייליקייט פאַרשוועכטע,
דער שטן קלאַפּט אין שוואַרצע טאַצן אויף בייז־וווּנדער,
און לאַכט מיט רויטן פרעכן צונג אין האַרצן פון גערעכטע..
איך בין דער מאַן וואָס כ'זע עס צו. און פלאַם פון בושה
ברענט מיר וואָרצלען פון די האָר און ברענט די אויגן
און צאָל מיט בלוט פאַר גלויביק זיין אין קדושה,
דאָרט פונוואַנען ס'איז די הייליקייט שוין לאַנג שוין לאַנג פאַרפלויגן...
איך שפּאַר די ווענט אַרויס פון ענגן מיינעם חדר,
מיין וויי געשריי פראַל אויף! אַרויס אין גאַס!
עס איז מיין האַרץ זיך איצטער מתיר נדר,
פאַר ברענען יאָרנלאַנג אין רויטן משוגעת...

א

וו זענט איר געפייניקטע, עלנטע ברידער,
קומט און שטעלט זיך אין ריי דאָ אנידער,
זאָל אייך מיין דמיון דערזען און דערהערן,
זאָל פון געביין לעבנס איצט ווערן.
אָ קומט און שטעלט אויס זיך אין ברייט פון די וועלטן,
אַרויס פון די קברים, אַרויס פון די צעלטן,
אַראָפּ פון די תליות, באַפרייט פון דערשטיקונג,
אַרויס פון די טייגעס, פון טויט אין פאַרשיקונג,
פאַרשמאַכטע אין תפיסות, מיט קוילן אין ברוסטן,
מיט אויגן צעפלאַמטע אין פלאַמיקער גלוסטונג,
נאָך לעבן, נאָך פרייהייט, נאָך צלם פון מענטשן,
נאָך אייביקער ליבע, נאָך אייביקער בענטשונג,
אָ קומט איר געטויטע פון אַלערליי גזירות,
קומט און פלעכט אויס אַ קייט פון די דורות,
וואָס האָבן געלעבט נאָר גרייטע צום שטאַרבן,
אַז איך, אייער אייניקל קאָנען זאָל אַרבן,
די הייליקע פרוכט פון מענטשנס באַפרייאונג,
אָ קומט און דערקענט איצט פון פיין די באַנייאונג!

ב

איך הער אייער טראָט און הער אייער קומען,
יונגען פון מינסק, פון אָדעס און פון אומאַן,

טעכטער מיט צופרי פֿאַרלאָרענער יוגנט,
ביי וועמען די נויט איז געוואָרן אַ טוגנט,
די פּיין האָט געשריגן צום הימל: דערבאַרעם,
און איר האָט מיט בלעטלעך געקעמפּט מיט זשאַנדאַרעם,
אייער טויט איז געקומען מיט לאַנגע גסיסות,
אין קעלער פון פינצטערע צאַרישע תפיסות,
מיט לעצט שטיקל לונג ביז שגעון פֿאַרהעצטע
געזונגען איר האָט „דאָס זאָל זיין שוין דער לעצטער".
אַ הערט מיינע שוועסטער, אַ הערט מיינע ברידער,
ביים אויסגעשריי לעצטן, אייערן נידער,
„דער לעצטער" דער שענסטער, איז דאָך געקומען,
און אויפגעהויבן האָבן די בעכער די בלומען,
פון גליק האָבן דערנער צעבליט זיך אין רויזן,
און פרייד איז געקומען אין יעדן הויז הויזן.
נאָר ווי איז צו אונדז! דער טרוים איז צעטראָטן,
די מאַכט האָט באַקומען דער האָריקער שטן,
די בלומען האָט ער מיט בלוט אָנגעטרונקען,
די פרייד די צעפּראַלטע אין טרערן דערטרונקען!
אַ קומט מיינע ברידער, פון מינסק און פון אומאַן,
עס רופט אייך מיין דמיון איר מוזט איצטער קומען,
טעכטער מיט צו פרי פֿאַרלאָרענער יוגנט,
דערזעט די פֿאַרשוועכונג פון אַלעמענס טוגנט,
קלאַפּט מיט די שאַרבנס ווי מעשענע טאַצן,
די הערשאַפט פון שטן זאָל קראַכן און פּלאַצן!

ג

מײַן ברודער דער דיכטער ער האָט דאָן געזונגען:
„און ס'האָבן די גלעקער געקלונגען, געקלונגען"...
ווו איז ער איצטער, מײַן ברודער דער דיכטער?
ווו איז ער?! איך מאָן אים דורך אַלע געריכטן!
דורך בית דין של מעלה, דורך בית דין של מטה,
ווו איז ער?! דאָס קינד פֿון רעוואָלט און זײַן טאַטע!
זײַן פּען ליגט צעבראָכן, זײַן גוף רוט אין מיסטן!
ווו איז זי די קללה, די טויטע, די וויסטע,
וואָס זאָל פֿאַר דײַן טויט מיט טויט זיי באַצאָלן? — —
עס וואַקסט אויף דײַן קבר נישט קיין גלאַדיאָלע,
באַוואַכט פֿון פֿאַרברעכער, מיט קאַטן באַלאַגערט,
אויסגעהויכט האָסט דײַן נשמה אין לאַגער,
ווו זענען די לידער, די גרויסע, די הייסע?
קולבאַק ווו ביסטו? ווו ביסטו איצט משה?
ביז אין מײַן טויט כ'וועל דיך אייביק דערמאָנען,
און קיינמאָל נישט אויפהערן בלוט דײַנעם מאָנען!

ד

אַ טובל זיך זון אין דײַן פֿינצטערער שקיעה,
דעם הימל צערײַס אין פּאַסן פֿון קריעה,
זעץ זיך מיט מיר בײַם ים־ברעג אַנידער,
און לאָמיר באַווײנען דערמאָרדעטע ברידער!

די ריינע נשמות, די יידישע גופים,
זאָל אונדזער קלאָג־ליד רופן און רופן,
ביז אונדזער געשריי וועלן וועלטן דערהערן,
און זאָל פאַר די מערדער אַ טויט־סם זיי ווערן!
אַ ליכטיקער אָדלער! ליכטיקער מאַרקיש,
עס טראָגט זיך דיין שטים איבער אַלע געמאַרקן!
דיין ליד האָט געקלונגען מיט מוט און מיט לעבן,
ווי האָסטו דיין לעבן די מערדער געגעבן!
אַ ליכטיקער אָדלער, קום אָן צושוועבן,
און נעם אויף די פליגל פון גרוב דיר דערנעבן,
די טייערע גופים פון דיינע חברים,
פון יידישע זינגער, פאַרגעס דאָרט נישט קיינעם,
נעם בערגעלסאָן, האָפשטיין, און קוויטקאָ און ניסתּר,
נעם אַלע באַוווסטע און ווייניק באַוווסטע,
נעם זיי צונויף אויף דער פינצטערער שמחה,
צוזאַמען צו שווערן אין קול: מחה תמחה...

ה

אַ האַרץ מיינס, דו נאַרישס, אַ בלענד פון די אויגן,
ווי ביסטו געשלאָגן געווען אין דיין גלויבן,
געזען האָסטו חושך געזאָגט האָסטו ליכטיק,
גענומען האָסט פאַלשקייט פאַר ריכטיק, פאַר ריכטיק,
געזען האָסט דיין פאָלק צעשטויבט און צעפּלינדערט,

און האָסט זיך אפילו אויף בראָך נישט געוווּנדערט,
ווי האָט מען דיין פאָלק זיין לעבן פאַרלאָשן,
באַרויבט עס פון גאָט און באַרויבט עס פון לשון!
דאָס פאָלק וואָס געוועקט האָט די פרייהייט־אילוזיעס,
זיין בלוט אָפּגעגעבן אָקטאָבער־טראַנספוזיע.
אָ ווייַ איז צו דעם, וואָס איז נישט געווען דאָרט,
און האָט נישט געקלאָגט אויף דעם וואָס געזען דאָרט,
נאָר נאָכאַמאָל ווייַ איז צו דעם, וואָס געקומען,
דעם חורבן געזען און פאַרגאַנגען אין שטומען.
באַרעכטיקט דעם מאָרד איבער שפּראַך פון זיין טאַטן,
עס זאָל דעם אָקטאָבער, חלילה, נישט שאַטן...

ו

דער זינדיקער דור געבליבן איז זינדיק,
די וווּנד איז אַ טיפע און הייטערט זיך ווונדיק,
ס'איז קיינער געקומען צו וועקן און מאָנען,
בעת מ'האָט פאַרלייקנט זיין יידישן נאָמען.
געווען איז נישט קיינער תענתים זאָל פאַסטן,
און אומגיין אין פאָלק ווי דער האָריקער פאַסטעך,
וואָס האָט נישט געפאָרכט זיך פאַר רוימישע צאַמען,
זיין גוף אויסגעשטרעקט צו אייזערנע קאַמען,
געלאַכט פון געפאַר, געשפּיגן אויף מורא,
געגאַנגען אויף וועגן צו מרביץ זיין תורה...

אַ ווײ! ס'האָט דער שטן געזעצט אונדז אין שטייגן,
געוואָרגן אין פּחד, געגליווערט אין שווייגן...

ז

איכוה, ווי אַזוי נישט געזען כ'האָב די בראָכן,
ווען ס'האָט זיך פֿאַרקאָכט די שוואַרצע פֿאַרקאָכונג,
דער שטן האָט פֿלינק אַזוי, קונציק און פֿלייסיק,
געמאַכט דעם יד אחת אין יאָר נײַן־אונדרײַסיק.
דעמלט, אָ דעמלט דער פּסק איז געקומען,
צוזאַמען פֿאַרברענען אין אויוונס מײַן אומה.
יאָרן עס האָבן געררויכערט פֿאַבריקן,
אויף ברענען מײַן פֿאָלק, אין גאַזן דערשטיקן,
און אַלץ האָט געטאָן זיך בײַ גרענעצן דינע,
פֿון יענער באַנייטער, באַפֿרייטער מדינה,
וואָס אומרעכט געדאַרפֿט האָט דערשטיקן אין נאָרע,
אַזוי האָט געזאָגט זי בײַם זאַלפּ פֿון אַווראָרע,
אָ שטאַרק זיך געוויין מײַנער, בריאיקער הייסער,
איצטער איך ווייס שוין! איך ווייס שוין! איך ווייס שוין!
דאָס האָט ער, דער שטן, אויף פּלאַץ אויפֿן רויטן,
געוואַרט אויף די אויוונס, געוווסט פֿון די טויטן!
די אויגן די קרומע פֿאַרשלאָסן זיך האָט ער,
אַ דאגה מיט ייִדן, פֿאַרברען זיי און פּטור...
געלייכט האָט א ניצוץ אין פֿײַן בײַ די מענטשן,

די נאָכנישט פאַרגאַזטע אין טראַווניק, אָשוויענטשים,
אַט וועט זיך פאַרכמאַרען דער הימל דער בלויער,
און אָנפליען וועלן די פויגל די גרויע,
פון שטאַלערנעם לאַנד, ווו הערשער איז סטאַלין,
און געבן פאַבריקן פון מאָרד אַ צעוואַליע,
נאָר שטום זענען הימלען געוועזן דורך יאָרן,
פון לעבנס איז ביינער און אַשן געוואָרן,
און קיינמאָל געשען איז זאָל קומען דער פויגל
און אָנצינדן פרייד ביי די טויטע אין אויגן,
געזייט האָט מען טויט אויף גאַנצע מיליאָנען,
נאָר ראַטעווען יידן — נישטאָ קיין אַוויאָנען...

ח

אַ דמיון פאַרקלעמטער אין צוואַנג פון די גרוילן!
ברענג די געשטאַלטן פון וויי־לאַנד פון פוילן,
פון דאָרט ווו עס האָט זיך געראַנגלט מיין אומה,
ביז ס'איז דער מערדער אויף איר אָנגעקומען,
דערוואָרגן מיין פאָלק אין די שרעקלעכסטע טויטן,
מיט ברכה און הילף פון מחבל דעם רויטן...
ברענג די געשטאַלטן פון פוילישע מענטשן,
וואָס האָבן פאַרדינט זיך אויף הערלעכער בענטשונג,
אין פינצטערע צעלן, אין קאַרטוז בערעזע,
דער ייד איז אַ חבר, אַ פריינט זיי געוועזן,

אין תפיסה־קאָמונע, דעם שפּיצעל צו חדוש,
געקעמפּט האָט דער פּאָליאַק פאַר פרייהייט פון יידיש,
געשטראַלט האָט פון תפיסות א ליכט פון באַפרייאונג
וואָס קומט אויף דער וועלט און איר צלם באַנייען.
אַזוי איז געוועזן, ביז דאָרט האָט דער שטן,
זיין בלוטיקן שטיוול אויף דאָרט אָנגעטראָטן,
פאַרנאַרט האָט די קעמפער צו זיך אויפן קרעמל,
כלומרשט אויף שטילן געהיימען געזעמל,
און דאָרט זיי דערמאָרדעט אין רציחה אין קאַלטער.
מיט חדוש דערשטיקטן, דערשטיקטע געוואַלטן,
געשטאָרבן עס זענען די קעמפער פאַר פרייהייט,
פאַר שווערן אַמאָל דעם שטן אין טרייהייט...
דערנאָך קומען שפּעטן גרויליק אַזוינע,
פּאָליטיש ווערט וואַנדע אַ בלוט־רויטע זונה,
ווייל אַלץ איז שוין גרייט, דאָס געוויסן פאַרטריבן.
מען האָט שוין געשריפטס פון יד אחת געשריבן,
איצט ברענט שוין איראָפּע אין פלאַמען אין הייסע,
זי וועט שוין נישט אויפשטיין קיין תחיית המתים.
אַ פונקען פון גלויבן אין האַרץ פון מיליאָנען,
שטייט אויף פון די קברים צו מאָנען, צו מאָנען,
דעם פרייז פון דער שרעקביים ענדלעך דערוויסן,
דעם סוד פון דער פּיין ביי אייער גסיסה,
קומט זינגען איצט גרויזאם צום קנא וגוטר,
ער זאָל זיי באַצאָלן פאַר אייערע טויטן,

פאַר לעבן אין פּיין, פאַר פּחדביים שטאַרבן,
זאָל אייער געשריי זיי ביז וואָרצל פאַרדאַרבן....

ט

ווו ביסטו באַקלאָגער, ווו ביסטו מקונן,
קום איצט דעם בראָך פון מיין פאָלק צו באַווייגען,
וואָס האָט אין זיין וועג צו גאולה אין בענקשאַפט,
פאַרבלאָנדזשעט אין תהום פון פינצטערער ענגשאַפט,
עס שאַלט נאָך די שטים און די וואָרענונג הער איך:
פאַרגעס נישט פון דעם, אַשר קרך בדרך...
און האָט אונדז פון וועג צו אַ ליכטיקן לעבן,
אַ בלוטיקע תורה אין האַנט אונדז געגעבן.
דורות דאָס פאָלק האָט איינער אַליינער,
געקעמפט פאַר זיין לעבן ביים וואָלף אין די ציינער,
געגאַנגען אין פיין דער גאולה אַנטקעגן,
וואָס האָט זיך געבלויט ביים סוף פון די וועגן,
ביז ס׳האָט דער שטן אין רויטן געלעכטער,
געקומען — און ליכטיקע מחנה פאַרשוועכט ער.
געפליקט פון אונדז שטיקער אז בלוטיקן זאָל עס,
געמערט ביי אונדז האָבן זיך זמרי בן סלוא״ס,
וואָס האָבן די קדושה אין טומאה פאַרטרונקען,
און זענען אין זומפּ פון דעם שטן געזונקען.
געוועזן איז נישט קיינער ער זאָל זיך באַזינען,

די טומאה דערזען אין איר פינצטערן זינען,
נעמען די שפּיז און אין לייב פון פאַרברעכן,
מיט אייפער און מוט אין שאַנד זי פאַרשטעכן,
אָ וויי! ס׳האָט אין פינצטערער טומאה, געדיכטער,
גענידערט אויך נביא, אויך זינגער און דיכטער!...

י

אָ בלוטיקע ערד פון צעשטויבטער אייראָפּע,
דעק אויף אויף אַ ווייל דיין לייב דאָס געקנאָטנס,
פון טאַנקישע ציינער, פון קויל פון האַרמאַטן — —
עס קומט איצט אַ זון זיך זען מיט זיין טאַטן.
מיט ווייטיק אין האַרצן, מיט טרער אין די אויגן,
עס שטייט איצט דער זון איבער קברים געבויגן,
באַפינצטערט זיין גוף אין אַ אַשיקער הילע,
ער קומט צו זיין טאַטן בעטן מחילה.
נעם טאַטע צונויף די פאַרשרפעטע עדה,
פון טאַטעס פון אַלע, פון בערדיקע זיידעס,
וואָס דור נאָך א דור, אין פיינלעכן מיען,
געשענקט זייער בלוט פאַר דער בענקשאַפט צו ציון,
נעם זיי צונויף פון דעם ביינער־טאָל שוואַרצן,
עס קומט זייער זון איצט זיך קלאַפּן אין האַרצן,
על חטא — פאַר דער זינד פון ברעכן די שטאַמען,
פאַר לאָזן אויף הפקר דער אַלטיטשקער מאַמען,

פאַר טויב זיין צום פאָלק אין זיינע געוויינען,
פאַר גיין מיטן וואָלף און לויבן די צייגער
וואָס האָבן דעם גוף פון דער מאַמען געביסן,
און האָבן פון לייב אירס שטיקער געריסן,
על חטא — פאַר פאַרפירן אויף פינצטערע וועגן,
דאָרט וווּ דער אשמדאי טאַנצט דיר אַנטקעגן,
מיט פינצטערן מוט, צו דער מאַמעס געוויינען
פון האַרצן פאַרברענט דעם ותחזנה עינינו...
על חטא — פאַר אַלע וועגן די קרומע,
וווּ איך בין געגאַנגען, געפירט פון דער טומאה,
און מיטגעפירט שוועסטער און מיטגעפירט ברידער,
געזונגען פאַר זיי די פינצטערע לידער,
לידער פון לויב פאַרן דורשטיקן מולך,
וואָס האָבן פאַרשוויגן די פיינען, די גרוילן.
על חטא — פאַרן לאָזן די פעלדער אין ציון
דורשטיק אָן וואַסער, פאַרוועלקטע אין בליאונג,
פאַרגאַנגען אין בענקשאַפט נאָך זין, נאָך געפלאָגטע,
אייביק געטריבן און אייביק געיאָגטע,
און איך בין אין וועג צו די טרוימען געדאַכטע
געשטאַנען אַ פרעמדער, אַ חוטא ומחטיא...
געדינט צו די געטשן אויף וועגן אויף פרעמדע,
באַשפיגן נביאים'ס לייגענע העמדער.
אַ יידישע זינגער פון אַלערליי ערטער,
וועמען דאָס ליכט צו זען איז באַשערט נאָך,

הויבט אויף אייער קול, מיט שאַלונג פילט אָן אים,
און לאָמיר פאַרשטעלן דעם חטא שחטאנו...

יא

און אויסטאָן מיר וועלן דעם זאַק פון די לענדען,
און שאַלן אין שופר, אין שטעט און אין לענדער,
מיר זענען נישט שוואַך שוין! מיר זענען נישט ווייניק,
מיר זענען אין גייסט פון גאולה געאייניקט!
מיר קומען אין האַרצן אויף אייביק פאַרשליסן,
דעם ווידערגעבורט פון דעם נס בית שלישי,
אין האַרצן פון נאָנטע אין האַרצן פון ווייטע,
ווייל אַלץ איז איצט נאָנט שוין, אי ערטער אי צייטן,
ווייל ס'קאָן שוין די שריפה פון עבר פאַרדעקן
דעם שטראַליקן ליכט פון גרויסער אַנטפלעקונג,
וואָס טויכט אויף דער וועלט אויף, דורך ימען און תהומען,
דער יידישער נס פון באחרית הימים...
עס בליע די פעלדער, עס שפראָצן אויך זאַמדן,
און ס'קומען פאַרוואָגלטע ברידער זיך זאַמלען,
און טובלען די פיין אין ירדן אין קלאָרן,
און לויטערע שטייען זיי אויף אין קאַיאָרן.
באַפרייטע פון וואָגל, פון שרעק און פון וואַנדער,
פאַרטיילן די ברכה פון ערד זיך פונאַנדער.
אַ יידישע זינגער, מיט האַרע געלייטערט,

דיכטער פון נאָנטן און דיכטער פון ווייטן,
שפּאַנט אָן אייער סטרונע צום הייליקן זמר,
די לעצטע פון דור פון קנעכטשאַפט מיר זעמ'יר,
מיר זענען דער דור פון די גרויזאַמע גזירות,
מיר האָבן אין האַרץ אויך געוואַרעמט עבירות,
און דאָך זענען מיר צום קוואַל אָנגעקומען,
צו לעשן אין אים אונדזער דורשטיקן גומען,
די מאַמע רופט ציטערדיק אָן אונדז ביים נאָמען,
און פון דעם באַרג סיני מען ענטפערט איר אָמן . . .

איילבירטבלעטער

די באַלאַדע װעגן יונגן אדלער

גע‏װידמעט די מעפּילים פון עליה ב׳

איך װיל זינגען אַ ליד װעגן אָדלערשן פלי
אין בלויען פאַרטאָג, אין פאַרטאָגיקן פרי.

אַ ליד װעגן גבורה און קראַפט פון געמיט,
פון פלאַמיקן האַרץ װיל איך זינגען אַ ליד.

ס׳האָט אַן אָדלער אַן אַלטער, פאַרװוּנדעט אין שלאַכט,
אויף געשאָסענעם פליגל אַ קינד זײַנס געבראַכט,

אויף קאָרן־פאַרװאָקסענעם נאַכטיקן פעלד,
אונטער אַ װאַנט פון אַ פויעריש געצעלט.

דער טויט האָט דעם אָדלער דעם אלטן געװאָרגט,
די מעכטיקע פליגל זײַ בלײַבן פאַרשטאַרט.

נאָר ס׳ברענט אין דעם האַרץ פונעם אָדלער אַ פלאַם,
ער מוז דאָך דערציילן זײַן קינד פון זײַן שטאַם,

פון שנייאיקע פעלזן, פון ליכטיקן רוים,
פון גלי אינעם קאַמף פאַר דער אָדלערשער היים.

עס הייבט אויף דער אָדלער דער אַלטער זיין קאָפּ:
מיין קינד, ביסט אַן אָדלער, ער זאָגט און שטאַרבט אָפּ.

דער אָדלער דער יונגער געהערט האָט זיין וואָרט,
מיט אומרו מיט יונגן באַטראַכט ער דאָס אָרט,

ווו ס׳וואַלגערט אין בלוט זיך דער גוף פון זיין טאַטן,
און ס׳זעט אים דער רוים אויס פאַרקאָוועט אין קראַטן.

ער האָט נישט געוווסט נאָך דעם סוד פונעם פליען
אהין, ווו די אָדלערשע בענקשאַפטן ציען.

בייטאָג, ווען די וועלט ליגט אין זונליכט פאַרשפּונען,
האָט מען דעם אָדלער דעם יונגן געפונען,

עס האָבן די קינדער אין הויף אים געבראַכט,
און האָבן פאַר אים דעם טויער פאַרמאַכט.

געלעבט האָט דער אָדלער פון נאַכט ביז באַגינען,
מיט טשאַטע מיט גענדז און מיט בייכיקע הינער.

אין בלויען פאַרטאָג, ווען טאָגן הויבט אָן,
דער אָדלער דערהערט דאַן דעם קריי פונעם האָן.

נאָכדעם קומען הינער זיך אַלע צונויף,
זיי לאָזן זיך אַלע נאָך שפּייז איבער הויף.

אַ גראָב מיטן האָנישן פּיסל אין מיסט:
קומט זשע איר הינער, פון שפּייז דאָ געניסט.

זאָל זיין פונעם מיסט, אָבער זיין זאָל גענוג,
ענטפערט די קוואָקע מיושב און קלוג.

און ס׳זוכן די הינער זיך שפּייז אין דעם מיסט,
אַ פּיק מיטן שנאָבל, אַ שאַר מיט די פיס.

נאָר איינזאַם דער אָדלער ער שטייט ביי דעם פּלויט,
ער קאָן נישט פאַרשטיין וואָס אַ הינדל פאַרשטייט,

אַז שפּייז מוז מען זוכן נאָר דווקא אין מיסט,
אַ פּיק מיטן שנאָבל, אַ שאַר מיט די פיס.

ער הויבט אויף זיין בליק צו דעם הימלישן רוים,
וואָס הענגט ווי באַזוימט מיט אַ וואַלדיקן זוים.

אַ בענקשאַפט אַ הייסע פאַרגייט אין זיין ברוסט,
ער האָט זיך דערוווסט וואָס ער האָט נישט געוווסט.

אַז דאָרט, אין דעם ברייטן הימלישן רוים,
אַז דאָרט איז זיין ברויט און אַז דאָרט איז זיין היים.

נאָר יונג זענען פליגל און שוואַך פאַרן פלי,
צום הימל ער גאַרט און די ערד צו זיך ציט...

און ס׳לאַכן די קוואַקעס ווי מ׳לאַכט פון אַ יאָלד,
פון משוגענער הון, וואָס האָט פליען געוואָלט...

צו וואָס זשע דאָס פליען, אָ זעט נאָר, אָ זעט,
ווען מ׳האָט אין דעם מיסט אויך דאָס ברויט צו דער זעט.

צום אָדלער צום יונגן דער האָן גייט דאַן צו,
די אייגעלעך שעלמיש ער מאַכט זיך האַלב צו.

דעם פליגל דעם רעכטן ער נויגט צו דער ערד:
„אַ קלייד אַזאַ לאַנגע דו ביסט ביי מיר ווערט”.

נאָר זיי ווי אַ הינדעלע גלייך מיט זיי אַלע,
זיין ביי מיר וועסטו א לייבלעכע כלה.

ווי אַ הינדעלע לאָז זיך אַ פּיק טאָן אין קאָפּ,
אַ פּיק און אַ פליק, און אַ טרייסל זיך אָפּ.

אויב שטאָלץ איז נאָר איך — איך דער האָן און זיין שטאַם,
אַט זע ווי צעצונדן און רויט איז מיין קאַם.

נאָר אָדלער דער יונגער, אין הימלישן ווייט
פאַרהייבט אַלץ זיין בליק, ער שטייט און ער שווייגט.

ביז איינמאָל אַ טאָג אין פאַרטאָגיקן פרי,
געטאָן האָט דער אָדלער זיין אָדלערשן פלי.

די פליגל צעשפרייט און דער קאָפּ זיין פאָרויס,
די לופט אַזוי שניידיק אין האַרץ אַזוי הייס.

צעשראָקענע הינער אויף אָדלערשן הויב
באַהאַלטן די קעפּ אין דעם זאַמדיקן שטויב.

און מעכטיק דער אָדלער זיין אָדלערפלי פליט,
אַהין, ווו די אָדלערשע בענקשאַפט אים ציט...

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳וויל זינגען אַ ליד וועגן אָדלערשן פלי,
אין בלויען פאַרטאָג, אין פאַרטאָגיקן פרי...

מיין אנקום

עס האָבן בלומען מיך געטראָפן ביי דער טיר,
און פון דער שיף האָט מיך באַגלייט אַ העל געזאַנג,
נאָר ס׳איז אַ שאָטן דורך: איך בין אָן דיר,
איז מיר געוואָרן באַנג מיין העלער גאַנג.

אומזיסט האָב איך ביי יעדער רויטער בלום
געפרעגט אויף פרישקייט פון דיין רויטן מויל,
דו ביסט פאַרשוווּנדן מיט דיין סוד ווי א סאַמום,
אין בלויען ים — אַ רויטע זונענקויל.

און מאָרגן האָט אַ פאַלמע אין איר שלאַנקן גוף
מיין צער באַהאַלטן, ווי מען באַהאַלט א קינד,
צו דיר וועט נאָר דערגיין מיין הייסער רוף,
אַריבער ים, דורך גלעטנדיקן ווינט.

און דאָך בענטש איך די בלומען ביי דער טיר,
און דעם קלאַנג פון לויטערן געזאַנג,
דער שאָטן וועט אַוועק און איך וועל זיין מיט דיר,
און ס׳וועט שוין קיינמאָל מער נישט זיין מיר באַנג...

מײַן אײלבירטבױם

איך צײל און צײל מײַן אָרעמען פֿאַרמעג,
דורך יאָרן אָנגעקליבן זעקס מאָל זיבן,
און װי אַ סימן אױף מײַן מיטנװעג,
איז מיר אַ בױם, אַן אײלבירטבױם געבליבן.

די טאָפּאָלן אױף דער פֿרעמדער ערד,
בעריאָזעס אין תּכריכים אײַנגעהילטע,
האָבן זײער שאָטן אָפּגעקערט,
מיך אױסגעשטעלט אױף אַלע בײזע װינטן.

פֿאַרבראָכן האָבן זײ די צװײַגן װי אַ קרײַז,
און זיך געשטעלט װי קראָען אױף די קבֿרים,
װען מ׳האָט אױף מיר די חיה אָנגערײצט,
און אומגליק האָט מײַן לעבן אומגעאָרעמט.

אױך די װערבע האָט איר שטיל געװײן
פֿאַר מײַן בראָך געװײן אירן פֿאַרמיטן,
אין גרױסער װעלט געװען בין איך אַלײן,
פֿון רחמים אַ פֿערגעסענער, פֿאַרשניטן.

פֿון בײמער־האַק, פֿון שׂריפֿה אינעם װאַלד,
האָב איך אין פֿונקען־פֿלי אַװעקגעבליצט, אַנטרונען

און האָב דאָ אַ פֿאַרגעסענע געשטאַלט —
אַ בוים, אַן איילבירבוים געפֿונען.

ער שטייט דאָ צו באַשיצן מיך פֿון היץ,
ווען ווערן כ׳וועל אַ חבר צו זיין שווייגן,
זיין זילבערקרוין אין זון ווערט אויפֿגעבליצט,
ווען כ׳זוך אַ שוץ אין זיינע שמאָלע צווייגן.

די דינע בלעטלעך לינדערן מיין וויי,
אַ מעשהלע דערציילן זיי פֿון אבות,
און איך ווער תּפֿילהדיק און זילבערדיק ווי זיי,
און ס׳ציען מיינע הענט זיך ווי ערבֿות —

צו מיין לעצטער טרייסט מיין איילבירטבוים,
וואָס וויגט זיך פֿרום אין זיינע שאָטן־שיינען,
פֿון אויג עס טריפֿט מיר זילבער — מיין געוויין,
און פֿאַלט אויף ערד, אויף אייגענער, אויף מיינער...

אוירון

הינטער געדיכטן פרדס גן־רשל,
לאָזט אַראָפּ זיך אַ שטאָלערנער פויגל,
קוקן קינדערלעך צו ווי ער פאַלט,
מיט צום הימל פאַריסענע אויגן,
פלאַטערט ווינט אין די קינדערשע האָר
און צעווייט זיי אין לופט ווי אַ פאָן,
און עס קלינגען די שטימעלעך קלאָר:
אוירון,
אוירון!

שלעפט אַ קינד דער מאַמען ביים שאַל
און פינקלט מיט פרייד אין די אויגן:
הינטער געדיכטן פרדס גן־רשל
לאָזט אַראָפּ זיך אַ שטאָלערנער פויגל!
אמא׳לע, ווייַן נישט, פאַרוואָס?
אַ ליכטיקער פויגל, קוק אָן!
ער דרייט אַזוי שיין מיט דער גאָז,
אוירון,
אוירון!

שטייט אַ מאַמע ביים פענצטער פאַרטראַכט
איר ציטערט אין האַרץ אַ דערמאָנונג,

ס׳איז געוועזן ביים סוף פון אַ נאַכט
ווי דער הימל מיט טויט האָט געוואָרנט,
און כאָטש אַנדערש געווען איז די שפּראַך
קלינגט אין אויער דער שרעקלעכער טאָן,
צוזאַמען מיט הייסן געקראַך:
אוירון,
אוירון!

ס׳האָבן שטענדיק די מענטשן געוווסט
דעם פויגל אין לופטן צו בענטשן,
ס׳האָט קיינמאָל קיין פויגל אין לופט
דעם טויט נישט געבראַכט פאַרן מענטשן,
נאָר דאָ ליגט אַ מאַמע אין פעלד,
מיט קינדער מיט טויטע אין קאָן,
און יאָמערט אין חרובער וועלט,
אוירון,
אוירון!

רינען טרערן דער מאַמען פון אויג
מיט פרייד און מיט טרויער געמישטע,
מאַמיש זי שמייכלט צום קינד,
איר טרער מיט אַ טיכל פאַרווישט זי,
זאָל קומען די אימה פון קריג

פאַר די וואָס ציינדן אים אָן,
און דו קינד, זאָלסט שמייכלען אין וויג,
אוירון,
אוירון!

אין גאָרטן צעבליטן...

ויעזקהו, ויסקלהו, ויטעהו שורק !...

מיין גרויסן פריינט — דעם העברייאישן
שפּראַך־פאָרשער און שפּראַך־באַנייער —
ד״ר י. אבן־אודם.

אין גאָרטן געריייניקטן כ׳זע דיך אַצינד,
עס שפּילט אין דיין אויג זיך אַ בלאַט אינעם ווינט.

ארום־דיר עס לויכט דיין געשאַפענער נס:
ארויס איז די חכמה פון שלייער־פרד׳ס,

און איז ווי אַ טויב, צו דערפרייען די וועלט
געקומען, און זיך אויף דיין אַקסל געשטעלט.

דער נביא באַלאַקטער ער רעדט ווי אַ קינד:
אין טעות גערעדט האָט צו מיר דאַן דער ווינט —

און איך האָב געדונערט מיט גרויזאמער שטראָף,
אַז קיינמאָל נישט זיין וועט דער ליכטיקער סוף

אז ריייניקן וועט מען דעם גאָרטן פון שטיינער,
און וואַקסן פאַרדאַרט וועלן טרוקענע ביימער.

אָט זע, דיין פיבער פון בליק טו א הויב,
אויף אקסל עס שטייט דיר פון חכמה די טויב.

און בנין געבויטער פון ציגל צו ציגל,
ער האַלט אַרום קאָפּ דיר פון זונליכט אַן עגול.

און דו שטייסט אין גאָרטן אין טויאיקן פרי,
מיט בלויען געזאַנג פון געטאָענער מי.

דעם באָדן געריייניקט, געצערטלט דעם זאָמען,
די בליאונג אויף אייביק גייט אויף אין דיין נאָמען...

אין גאָרטן געריייניקטן כ'זע דיך אַצינד,
עס שפילט אין דיין אויג זיך אַ בלאַט אינעם ווינט...

אַ ליד װעגן נײעם עולה אױז דעם אײביקן זומער

ער איז געקומען מיט אַ פֿלאַם אין זײַנע אױגן,
אָפּגעראַטעװעט פֿון שײַטערדיקע פֿלאַמען,
און זוכט צי איז אַהערצו נישט פֿאַרפֿלױגן,
אַ טליענדיקער פֿונק פֿון זײַן פֿאַרברענטער מאַמען...

די פֿרײַהײט שפּיזלט דורך אים מיט איר שטראַלן,
און ער געװױנט װאָס ער האָט קײנמאָל נישט געהאַט,
נאָר ס'דריקט אים דער באַלאַסט פֿון אױפֿקומען און פֿאַלן,
אין האַרץ אַ גרױל פֿון טױזנטפֿאַכיקדיקן באַב־אַל־װאַד...

און עפּעס זוכט זײַן אומרו אין די אױגן,
און עפּעס שפּיצט ער אָן זײַנעם געהער,
עס שטײט נאָך אַלץ די װערבע בײַ דעם טײַך געבױגן,
און ס'פֿינקלט אלץ נאָך אין דער אױג פֿון עלנטן אַ טרער...

זײַן גוף פֿון בײַטשן טאַנצנדיקע אַ צעפּלאָכטענער
דערפֿילט דעם שטאָך ביז װאָרצל פֿון די האָר:
עס ליגט אױף אײביק דער פֿרילינג אַ געשאָכטענער,
זײַן אָרט פֿאַרנעמט אַ זומערדיקער יאָר...

אַ זומער אײביקער פֿון עסן תבואות צײַטיקע,
אַ זומער אײביקער אָן מי פֿון דעם פֿאַרזײ,

אַ זומער אָן אַ טרוים פון חלום פון פאַרצייטיקן,
אַ זומער וואָס דערשטיקט דעם פרילינגדיקן וויי...

שרייט ער מיט אַ קול פון איינעם אַ באַנומענעם:
ראַטעוועט דעם פרילינג אָפּ פאַר חלום און פאַר וואָר!
איך דער קוים געבליבענער, דער קוים געקומענער,
פאַרשעלט די פוסטע זאַטקייט פון א זומערדיקן יאָר...

ענטפערט אויף זיין בייקול אים אַ יונגער בחורל באַוואָנסעטער:
פעטערל! די אויגן אייערע זענען גלותדיקע נאַסע,
אַ מדינה קויפט מען נישט אַ אָנסע נאָך אַ אָנסע נאָך,
אונדזער מדינה, פעטערל, לא על מגש הכסף...

פאַרוויגט דער חלום וועגן פריליג דעם מידן גוף פון דעם געקומענעם,
דערהערט ער דאָס געזאַנג פון קינדער אויסגעשאָכטענע, פאַרברענטע יונגע כלות,
פאַלט ער כורעים פאַר דער זעאונג אויפגעקומענער,
און וויקלט זיך אונטער עטרה פון פאַרברענטן ייִדנס טלית...

מיינע ברידער פון פוילן

מיט אויגן אויפגעריסענע פון דורכגעלעבטע גרוילן,
זיי קומען איצט די ברידער מיינע פונעם ווייטן פוילן,
דער חלום אַ געשאָכטענער נאַקעט איז און הויל איז,
קומען זיי צום האַפן פון ווירקלעכע חלומות...
עס עפנט אויף דער ברעג פאַר זיי זיינע ברייטע צאַמען,
און ס'וואַרט אויף זיי די אָרעמס פון דער יונגער מאַמען...
אַ מאַמע האַרציקע! פאַרמייד נישט דיין חסד דיינע קינדער,
דער נס האָט קוים זיי אויסגעקעמפט ביים מעסער פונעם שינדער,
דערקען אין אויגן זייערע, אין זייער טיפער שוואַרצקייט,
דאָס קינד, וואס דו האָסט עס גענערט, מיט בלוטן פון דיין האַרצן.

פאַרגעס א וויל, אַ מאַמע, די לייד דיינע, די פריידן,
עס קומען דיינע זין צו דיר אַראָפּ פון דער עקידה,
מיט אויגן טרוקענע וואָס קאָנען שוין נישט וויינען,
עס וועט אודאי שווער זיי זיין צו דיר זיך צוגעוווינען,
צו דיין זון־צעשטראַלטקייט, צו דיין יונגן פנים,
זיי האָבן דאָך אַ לעבנלאַנג געלעבט אין הפקר, אָן אים.
דערלאַנג דיין ברויט און וואָסער זיי ווי אַ שפייז פאַרדינטן,
און היימיש זאָל זיי זיין דאָס הויז ביי דעם בוים צעגרינטן.
אויך דיין געלעכטער אָפענער זאָל זיי נישט דערשרעקן,
ווייל אויך געלעכטער קאָן ביי זיי טויט־שרעקן דערוועקן...

פרעג זיי נישט אויף גרוסן פון טאַטעס און פון זיידעס,
זיי ציילן אַלץ נאָך דעם פאַרמעג פון טייערע אבידות,
די פלאַקסן־בערד און ציטערדיקע הענט צום בענטשן,
געבליבן זענען אינעם היכל פון קאַלך־אויוון אַשוויענטשים.
די קינדער־שטימעלעך מיט זייער ווייכן יידיש,
האָבן לאַנג שוין אויסגעחדושט זייער לעצטן חדוש.
ווען דער בייזער רוח אויף זיי איז אָנגעפלויגן,
און האָט מיט זאַמד פאַרשיט די לעבעדיקע אויגן,
אָ פרעג זיי מאַמע נישט, פון דעם וואָס איז פאַרגאַנגען,
ס'איז ביי זיי מיט שבעה־טוך דער שפּיגל נאָך פאַרהאַנגען...

זיי קומען איצט צו דיר, מיט וואָרט נאָר איינעם: מאַמע,
און אויך דאָס וואָרט, דאָס איינציקע, איז פרעמדשפּראַכיק מסתמא,
עס ווערט פון דעם אַ ווייל די פרייד ביי דיר פאַרלאָשן,
נאָר טאָרסט נישט מאַמע הערן, קיין פרעמדקייט אינעם לשון,
ווי נאָר זיי וועלן צו דיין שוועל דער זוניקער גענענען,
עס וועט דיין האַרץ, דיין מאַמישע, באלד אין זיי דערקענען,
דאָס קינד וואָס האָט פאַר דיר אַוועקגעשענקט זיין בענקשאַפט,
און האָט צו דיר געצויגן זיך פון זיין ברייטער ענגשאַפט,
זאָל דיין מאַמיש אויג זיין טרויער אים דערוואַרעמען,
און זאָל דיין מאַמיש האַרץ מיט חסד אים דערבאַרעמען...

אַ באַל אין האָטעל אַכדיה

דער זינגער שטייט ביים מיקראָפאָן
גרייט ווי צום באַפעל,
פון די וואָס זיצן אויבנאָן
אין פּראַכטיקן האָטעל,
געדולדיק וואַרט דער קאָנטראַבאַס
עס שווייגט דער וויאָלענטשעל.
נאָר בלויז דער ים־ווינט, ווי אויף שפּאַס
שלייכט אַדורך זיך שנעל.
וואָס זינגט מען פאַר די געסט אָט דאָ
אויסגעפּוצט אין פּראַכט?
אַ פויגל טוט אַ בליץ אין ליכט
און שניידט אַדורך די נאַכט...

אַ ווײַלע שטייט דער זינגער שטום
און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.
צי וואַרט ער אויפן פויק־געברום
צי אויפן קאַמער־טאָן?
אַ לייכטער שווייס באַדעקט די געסט
פאַרפּוצט אין שוואַרצן פראַק,
וואָס טויג אַ זינגער וואָס פאַרגעסט
ביים אָנהויב זיך פאַרהאַקט?

היי זינגער! הייב שוין אָן, אַ סוף!
אָן שהיות, נישט געטראַכט! — —
אַ פויגל טוט א בליץ אין ליכט
און שניידט אַדורך די נאַכט...

דער זינגער זינגט... מולדת מיינע,
ביסט שענער נאָך ווי שיין,
און הערט נישט ווי די קלאַנגען זיינע
הערט ער נאָר אַליין,
דער ווין פאַרוויגט דעם קאָפּ צום שלאָף
און ציט צום ווייסן בעט,
באַפרייען זיך פון שוואַרצן פראַק
און קנעפּל פון מאַנזשעט,
וואָס מיינט דער זינגער מיט זיין ליד,
וואָס האָט ער דאָ פאַרטראַכט?
אַ פויגל טוט אַ בליץ אין ליכט
און שניידט אַדורך די נאַכט...

פאַרגייט דאָס ליד אַריבער קאָפּ
פון שלאָפנדיקן פראַק,
און קלאַפּט אין פענצטער פינצטערן
פון בלעכערנעם באַראַק,
דער הימל איז מיט זילבער פול
ביים ים דער ווינט רוט שטיל,

וואָס טוט אַ ליד פון פּראַכט־האָטעל
אין מעברה דזשיליל?
ווי ס׳וואָלט אַ פֿויגל אויף די פליגל
אים אַהער געבראַכט,
וואָס טוט אַ בליץ אין ווייטן ליכט
און שניידט אַדורך די נאַכט...

קוקט אַ מידער קאָפּ אַרויס
פון בלעכערנעם געצעלט,
און בליקט צום נאָענטן פּראַכט־האָטעל
ווי צו אַ ווייטער וועלט.
דאָס ליד געקומען איז צו אים
מיט איר גלייכן גאַנג,
נאָר עפּעס טרויעריק אים ווערט
און האַרציק טוט אים באַנג,
ווער האָט זיין קינד — מולדת־ליד
אין פּראַכט־האָטעל געבראַכט? — — —
אַ פויגל טוט אַ בליץ אין ליכט,
און שניידט אַדורך די נאַכט...

געטריַיע קרובים...

(אַ ליד צום לאַכן)

אין אַ הייזל ביים ים, אין דעם הייליקן לאַנד,
זיצן פיר יידן אין שמועס באַנאַנד,
די פנימער ערנסט, דאָס רעדן באַזאַכט,
דער ים נאָר אַנטקעגן ער שטיפּט און ער לאַכט,
פון יידן פון פיר פון דעם הייליקן לאַנד,
וואָס זיצן פאַרטיפט אין דעם שמועס באַנאַנד,
איז לאַכט זיך דער ים...

טוט איינער אַ קרעכץ: אַז אָך און אַז וויי,
ס׳איז אונדזערער גורל שוין אייביק אַזוי,
דאָס פאָלק איז פאַרוואָגלט אויף פיר עקן וועלט,
און קומט זיך נישט אויפבויען דאָ קיין געצעלט,
און ס׳איז דאָך דאָס פאָלק איין בוים פון איין שטאַם,
איז לאַכט זיך דער ים...

רופט אָפּ זיך דער צווייטער מיט הייסן געמיט:
ס׳איז נאָך נישט הפנים דערגאַנגען דאָס ליד
צו אונדזערע ברידער אין עקן פון וועלט,
אַ נישט וואָלט דאָך יעדער פון זיי באַלד געוועלט

קומען זיך טײלן מיט אונדז אונדזער ברויט,
דאָס וואָס מיר האָבן פאַר זיי דאָ פאַרגרייט,
אַ קלײניקייט, יידן, איין פאָלק און איין שטאַם,
איז לאַכט זיך דער ים...

די זון נויגט זיך טיפער צום בעט פון דער נאַכט,
און ס׳זיפצן די יידן נאָך אַלץ קלוג באַזאַכט,
אויף גורל פון יידישן פאָלק אין דער וועלט,
און קײנער באַמערקט נישט ווי ס׳האָט זיך צעהעלט,
אַ פונק אַזאַ העלער ביים ברעג פונעם ים,
און ס׳גייט זיי אנטקעגן אַ ליכטיקער פלאַם,
דעם ים האָט פאַרוואָלט זיך אַ שפּאַס מן הסתם,
איז לאַכט זיך דער ים...

עס קומט זיי אַנטקעגן אַ בלוי־אויגיק קינד
געטראָגן אויף מאַמישע אָרעמס אין ווינט.
דאָס קלייד ביי דער מאַמען פאַרשאַרפּעט אין בראַנד,
געראַטעוועט קוים פון דעם בראַנדיקן לאַנד,
גייט זי אַנטקעגן די יידן די פיר,
ווי ס׳גייט באַלעבאָס צו זיין היימישער טיר,
איז לאַכט זיך דער ים...

באַמערקט די אַנטפלעקונג איינער פון פיר
און שטאַמלט פאַרחדושט: וואָס זאָגסטו צו איר?
דאַכט זיך דאָס קלייד איז אינגאַנצן פאַרברענט,

און זי איז אַרויס ווי עס איז פון פאַרלענד,
און נאָך מיט אַ קינד... עס טויג איר צום גראַם...
איז לאַכט זיך דער ים...

טענהט דער צווייטער: וואָס טוט מען מיט איר?
כאַטש נעם און גיב אָפּ איר די אייגענע טיר,
דאָס ביסעלע מילך פון מיין קו וואָס איך האָב,
כאַטש נעם און דעם קינד אירן גיב עס באַלד אָפּ,
אַז ווער האָט געריכט זיך, און גלאַט אַזוי, סתם...
איז לאַכט זיך דער ים...

צעגייען די פיר זיך, אַ יעדער צו זיך,
פאַרשליסן באַזאַכט די טיר הינטער זיך,
און עסן דעם מאַלצייט וואָס איז זיי פאַרגרייט,
ביז די זון הינטער ים אין אומעט פאַרגייט,
נאָר דער ים, אָט דער שטיפער, ער לאַכט מיט אַ שלאַם,
און וויל אין געלעכטער אַרויס פון זיין צאַם,
איז לאַכט זיך דער ים...

שטייט די מאַמע אין פעלד פון דעם הייליקן לאַנד,
מיט אַ ליכטיקער בשורה — איר קינד אויף דער האַנט,
פון הימל און ווינט זי בויט איר געצעלט,
אין הייליקן לאַנד, אין יידישער וועלט,
עס שלאָפן די ברידער די פיר זייער שלאָף,
נאָר דער ים לאַכט אָן אויפהער, ער לאַכט אָן אַ סוף
פון ברידער געטרייע, פון זעלביקן שטאַם,
איז לאַכט זיך דער ים...

דאָס געזוייז פון דעם ווינט...

דאָרט ווו ס׳הייבט זיך אָן די בלווילעכע אומענדלעכקייט,
און הימל קלאָרער שימערט אויף מיט ווייסער בלענדלעכקייט,
און גלאַנצט אויף אינעם זונאויפגאַנג מיט פרישע טראָפּנס טוי,
מיט פאַרבאָרגענער קאָלירישקייט סודותפֿול אַזוי,
און באַהאַלט אין זיך דעם סוד פון אומגליק און פון גליק —
דאָרט האָט דער ווינט זיין אויסגעבעטע, אָפּגעהיטע וויג.
ער האָט זיך זיינע נעכט און שלאָפט אין זיי זיין שלאָף,
ער קרעכצט ווען ער איז שלאָפלאָז און זיין האָפנונג ער האָפט,
פרייד זיך ווען ס׳גייט אויף דער בונטער זונענרויט
און צאַפּלט אויף אין טרויער ווען די זון פאַרגייט...
און ביטערלעך ער יאָמערט אין זיין איינזאַמקייט אַליין...
נאָר ס׳טרעפט עס ווערט פאַרביטן אין שטורעם זיין געוויין,
ווי אַ הונגעריקע חיה פאַרלאָזט ער דאַן זיין וויג,
און רייסט זיך ווילד אַראָפּ פון זיינע פענטעס־שטריק,
מיט שוימענדיקן צאָרן צעשטערט ער זיין געצעלט,
און טאַנצט אַ ווילדן הפקר־טאַנץ אויף ברייטער, פרעמדער וועלט...
ציטערט אויף דער אַלטער וואַלד ווי אויף מוטערס הענט אַ קינד,
שרעקיק יאָמערן אויף קייטן אָפּגעלאָזטע הינט,
און אונטער וואָלקנס וויקלען זיך אין פחד יונגע שטערן,
און טוליען זיך צום הימל צו פאַרלאָשן נישט צו ווערן.
אַ ליכט באַהאַלט איר קאַרגן שיין אין האַרצן פון דער נאַכט,

פאַר ווינט וואָס האָט אין שטורעם זייגעם צאָרנדיק אויפגעוואַכט,
און שפּרייט אויף וואַלד, אויף פעלד, אויף גרויסער לענג און ברייט,
חורבן און פאַרוויסטונג, שרעק פאַר שוואַרצן טויט...
אין אַ נאַכט אַזאַ, ווען דאָרענדיק עס פייפט דעם ווינטס געוואָי,
מינוטן ווערט דער הימל שוואַרץ, מינוטן ווערט ער בלוי,
עצה׳ט שנעל אַ מאַמע איר אָפּגעהיטן קינד:
„גיי נישט, קינד מיינס, איצט אין גאַס, עס בושעוועט דער ווינט...״

ערב פרילינג. אויף די פעלדער נאָס צעגאַנגען שניי,
אין לופט עס קוילערט זיך געזאַנג פון פויגל אַלערליי,
שעלמיש ווינקט אַראָפּ די זון צו אויסגעשפּרייטער ערד,
וואָס האָט אין קאַלטער ווינטערצייט די זון אַזוי באַגערט,
די זון, די לופט, דער פויגל ווען ער פליט,
צוזאַמען אַלע זינגען אויס אַ גרויסן פרילינגס־ליד,
דערוועקט זיך דאַן דער ווינט פון זיין ווינטערדיקן שלאָף,
אין זיין איינזאַם־קאַלטער וויג ביים אָנהייב פון אין־סוף,
און יאָמערט הייס... און זיינע אויגן ברענען פון די טרערן,
און שעפּטשעט אויס זיין הייס געבעט צו די פינקלדיקע שטערן:
אויף מידער, וואַרטנדיקער ערד עס קומט אַ יונגער פרילינג,
און יעדעס בלימעלע זיין קרוין באַצירט מיט ווייסער בליאונג,
יעדער בוים אַ טרייער קינד פון זיין גרינעם שטאַם איז,
און ס׳גרינט זיין קאָפּ ווי אויסגעקעמט פון צאַרטע הענט פון מאַמעס,
נאָר איך, אין איינזאַמקייט פאַרוויסט, אליין איך מוז דאָ ליגן,
מיר האָט דער פרילינג אָנגעגרייט אַ גיפטיק־שטילן נגון...

אַ שטערן, זאָגט, ווי זאָל איך אויסלעשן ביי מיר אין האַרץ די פלאַמען,
און איך, איך האָב דאָך אויך געהאַט, געהאַט אַמאָל אַ מאַמען,
(ס'איז דער אומרו פון דער וועלט ביים אָנהייב פון איר בריאה,
געלעגן מיטן וויסטן פעלד, פאַרזייט זיין שטורעם־זריעה)
מיין מאַמע האָט מיך אירס געשיינקט: אַ פעלד וואָס האָט קיין בוים נישט,
און ווי מיין טאַטן מיך געלאָזט: א קינד וואָס האָט קיין היים נישט...
איז אפשר, שטערן, ווייסט איר דאָך אווו עס רוט מיין מאַמע,
איר לעבט דאָך אַזוי לאַנג ווי איך און ווייסט געוויס מיין שטאַמונג,
ליגט זי אינעם מדבר־זאַמד, אין וויסטעניש פאַרגראָבן,
און ס'פיקן איר די אויגן אויס, די ווילדע מדבר־ראָבן,
אָדער רוט זי אויפן אָפגרונט פונעם טיפן ים,
פאַרגעסן האָט זי שוין פון מיר, איר קינד פון אומרו־שטאַם,
און ס'מאַכט איר אויסגעוויינטע טרער דעם פולן ים נאָך פולער,
און ס'וויינט איר האַרץ אויף מיר, איר קינד, וואָס לויפט אום ווי אַ דולער,
אויף גרויסער וועלט, און אין זיין וויג ער קאָן נישט רואיק ליגן,
ווייל ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיין שלאָף מיט אַ וויגליד אים פאַרוויגן...
איז אויב זי ליגט אויף אָפגרונט פונעם טיפן ים,
אַ געפאַנגענע פון ים און זיין מעכטיק ברומען,
און צו מיר, איר איינציק קינד, זי קאָן נישט, קאָן נישט קומען,
וועל איך די ביימער פון דער וועלט ביי זייערע גרינע שטאַמען,
אָנצינדן מיט הייסן פלאַם, פון מיינעם האַרץ די פלאַמען,
טרוקן ווערן וועט דער ים פון תהומען ביז די ברעגן,
און זוניק שלענגלען וועלן זיך מיין מאַמעס העלע וועגן,

און דאָס קינד, וואָס פון געבורט עס האָט קיין היים, קיין תקומה,
וועט אין זיין טריבער איינזאַמקייט אַ מאַמען דאָך באַקומען...

יאָמערלעך עס קלאָגט דער ווינט און מיט אים די שטערן,
פון שרעק זיי שלוכצן שטיל אין זיך, שטום אזוי אָן טרערן,
אַ שטערן זיין פאַרטרערטע אויג מיט אַ וואָלקן־טוך ער ווישט,
און ענטפערט שטיל פאַר אַלעמען: מיר ווייסן נישט, מיר ווייסן נישט...
אויפן הימל פליען וואָלקנס ווי די שוואַרצע קראָען,
אַנגעיאָגטע פונעם ווינט, אין זיין ווילד שגעון.

אַ קיינער פילט נישט מיט דעם ווינט, קיינער קאָן פאַרשטיין,
דעם ווייטיק פון זיין הייסן האַרץ, זיין פיין און זיין געוויין,
אַזוי קאָן וויינען ער אַליין, נאָר ער דער וויסטער ווינט.
וואָס איז אויף וועלט אַ אַלעמענס, און קיינעמס, קיינעמס קינד...

פסח תשי״ז

אַ

ביים ברעכן די מצה, ביים גיסן די כוסות,
ביים ווידער דערמאָנען אַמאָליקע ניסים,
ביים טונקען דעם ביסן אין זיסן חרוסת,
איך הער נישט אויף פילן, איך הער נישט אויף וויסן:

אַז נאָך איז דאָס פאָלק נישט אַרויס פון מצרים,
און ציט זיך נאָך אַלץ אין זיין וואָגל און וואַנדער,
אויסגעשטעלט אַלץ אויף סכנות אויף נייע,
אויף ווינט און אויף רעגן און מדברישע בראַנדן.

ווער וואַסער אין נילוס איז רויט און איז ליימיק,
און וויל נישט מער ברעכן דעם דורשט פון די יידן,
וואָס האָבן מיט לייב אין דעם ליים זיך פאַראייביקט,
צום הימל געשפיצט זיך אין פיראַמידן.

ביים ברעכן די מצה איך וועל זיי געדענקען,
און אָנרופן וועל איך פון לאַנד יענעם נאָמען,
וואָס וויל מיינע ברידער אין נילוס פאַרשווענקען,
איך וועל זיי ביים שפוך חמתך דערמאָנען...

ב

די ווייסל וועקט אויף זיך פון ווינטיקן פרירן,
עס רייניקט דער טייך זיך, ווערט בלויער און בלויער,
נאָר טובלט נישט מער שוין קיין פסח־געשירן,
געכשרט פון יידן מיט פלאַקסן־בערד גרויע.

פון פאָלק וואָס די ווייסל געקענט האָט פון פריער,
עס זיינען געבליבן פאַרברענגטע שיריים.
אויך זיי שווימען אָפּ ווי פון ווייסל די קריעס,
מיט יידישן נס פון יציאת מצרים.

ביים ברעכן די מצה, ביים גיסן די כוסות,
ביי אַלץ וואָס צום סדר כ׳האָב גרייטן באַוויזן,
כ׳פאַרבעט מיינע ברידער אין בענקשאַפט אין הייסער,
ווי מען פאַרבעט די נאָענטסטע אושפּיזין...

צוזאַמען אין וואָר און אין דמיון געאייניקט,
די פרייד און דער טרויער וועט סטייען פאַר אַלע,
און אַלע אין נס פון גאולה געהייליקט,
מיר וועלן זינגען בצבור דעם הלל...

אויף דער וואַד...

א

די נאַכט ליגט פאַרשפּונען אין זילבער־געוועב
ס'איז אָפּן מיין אויג און וואַך איז מיין אויער,
אויף יענער זייט באַרג הענגט אַ טונקעלער קרעפּ
און עמעצענס בליק אויף מיין לעבן דאָ לויערט.

איך דריק צו מיין גוף די שטאָלענע ביקס,
אַ גרייטע צום רעדן מיט לשון פון פייער,
זיי מוחל קליינער דערנער געוויקס,
איך טרעט אויף דיין גוף נאָר דאָך ביסט מיר טייער.

איך לעג מיין געווער אויף דיין דערנער־געפלעכט,
מיט פנים צו יענע טונקעלע פלעקן,
ס'איז היינט דאָ די נאַכט נישט ווי אַנדערע נעכט,
זי דאַרף דאָ מיין גוף און מיין לויער פאַרדעקן.

נאָר פלוצלונג צעשרייט זיך אַ פויגל אין רוים,
אַ צווייטער רופט אָפּ זיך פון צווישן די צווייגן,
רי זון צינדט דעם קרוין אויפן איינציקן בוים,
אַ דאַנק דיר מיין ביקס פאַר אַ גאַנצע נאַכט שווייגן...

אויף די בערג...

ב

מיט אָנקום פון נאַכט ווערן די בערג
באַדעקט מיטן כשוף פון זילבערנע בלומען,
און טראָגן דאָס ליכט אויף זייערע קערק,
ביז אין פאַרטאָג ווערט דער כשוף צערונען.

ס׳איז שטיל דאָ אַרום אין דער זילבערנער נאַכט,
עס פינקלען אין ליכט אויך די קוסטעס די גרויע,
די הייל אין דעם באַרג באַהאַלט אין איר טראַכט,
דעם סוד פון שטרענגן גאַנג בר־גיוראס...

אויך ער איז געגאַנגען דאָ אויף דעם אָרט,
צווישן דעם שטייניקן שמאָלן געקלעטער,
עס קוילערט זיך אַלץ נאָך דאָס שטאָל פון זיין וואָרט,
און גרייכט אונדזער אויער מיט בת־קול פון שפעטער...

און ווען אין פאַרטאָג עס צערינט דאָס ליכט,
ווערט טונקל אַ ווייל דער באַרגיקער רוקן,
ביז גאָלד פון דער זון טוט אַ פלייץ אומגעריכט,
און קוקסט אויפן וווּנדער און ווערסט נישט מיד קוקן...

אַ שעה

פֿאַראַן אַזאַ שעה, אַ געבענטשטע אין לעבן,
ווען ס׳קומט דיר די זעאונג לויטער און קלאָר,
קענסטו פֿאַרוועבן די ווייט מיט דערנעבן,
דערקענסטו דיין טרוים אין דיין טעגלעכער וואָר.

גייסטו צעלויכטן — אַ ליכטיקער שטערן,
אין גלאַנץ אַ באַשטראַלטער אין אייגענעם ליכט,
זעסטו די שיינקייט אין אָנהויב פֿון ווערן,
און וואָס אומגעריכט קומט אָן דיר געריכט.

די זיכערע פֿרייד קומט אָן דיר פֿאַרזיכערט,
איינציק פֿאַר דיר זי איז נאָר פֿאַרגרייט,
דו גאַרסט נאָר — איר טריט זאָל ווערן פֿאַרגיכערט,
און קומען מיט יעטוועדער לענג יעדער ברייט.

און פּלוצלונג, אין ליכט שלייכט דורך זיך אַ שאָטן,
און פּלוצלונג, אַ ווייל ווערט פֿאַרשטיקט דאָס געזאַנג,
אַ שעה דו געבענטשטע, דו ווייסט אַז פֿאַרבאָטן,
איז ווייטער דער פֿריידיקער זיכערער גאַנג!

שטעלסטו זיך אָפּ אַ ווײַלע פֿאַרוווּנדערט,
און קאָנסט קוים באַגרייפֿן וואָס איז געשען,

ביז עס בליצט אויף דער שוואַרצער בייז־ווונדער,
און זאָגט דיר, אַז אַלץ וואָס געווען איז געווען...

און וועסטו נאָך וואַגן ווייטער צו מאָנען
פאַרלאָרענע פרייד, וועסטו זיין אַ באַלאַסט,
ווייל זי האָט נישט ליב מען זאָל איר דערמאָנען:
אַמאָל ביסט געווען מיר א שטענדיקער גאַסט...

געבענטשט איז די שעה וואָס גיט דיר דעם צייכן,
צו שטעלן דעם לעצטן, סופיקן שפאַן,
נאָר גיי זיי אַ העלד און פרווו עס דערגרייכן,
אַז ס'איז אַזאַ שעה גאָר בכלל נישט פאַראַן...

רעגיאָנאַלע געשטאַלטן

צום אָנדענק פון י. ל. ברוך, דעם
איבערזעצער פון „פאַוסט" אין עברית

דער אַלטער שרייבער גייט אַרום געאָרעמט
מיטן דיכטער־ריטער געטע,
די שוואַרצע פּעלערינע אויפן דיכטערס אָרעם
פלאַטערט קעגן שרייבערס פּנים דעם פאַרגעלטן.

און הינטער זיי דער מאַן מיט טויזנט אויגן,
די שווערד באַהאַלטן אין דער פאַלע,
דעם שרייבערס ברעם מיט פאַרמעט איז פאַרצויגן
אין אויג — פון טויזנט יאָר די מעלאַנכאָליע.

שמייכלט ער צום דייטש מיט בלאַסן שמייכל:
ווי מיינסטו, דיכטער, ווען מיר באַווייזן
אַרויסטראָגן די פּערל פון דיין היכל,
און אויף עברית אַרייננברענגען אין הייזער?...

לאַכט דער דיכטער: קאָנסט אויף דעם דערפרעגן
ביים הער פאַוסט, ס'איז ביי אים פאַרשלאָסן

יענער סוד, וואָס קרייצט צונויף די וועגן,
מיט געהיימען הער ער האָט אַ בונד געשלאָסן...

שפּרייט דער טויזנטאויגיקער זיין שוואַרצן טוך אַריבער
איבער דיכטערס קאָפּ און שרייבערס פּנים,
גייט שוין פאוסט אויף עברית ארום אין שטיבער,
דער אַלטער שרייבער בלייבט פאַרלאָזן, אָן אים.

איבער שרייבערס קאָפּ אַ שוואַרצער טוך פאַרצויגן
זיין אָפּן אויג איז אייזיק און דערשראָקן.
פאַרשיט אים פאוסט מיט אַלכעמיש זאַמד די אויגן,
און די רענדלעך ציילט זיך דער פאַרלעגער שוקן...

דאס לעצטע ליד...

איך וואָלט באַדאַרפֿט אַ שפּיגל האָבן, אַזאַ דורכזיכטיק־קרישטאָלענעם,
איך זאָל אין אים דערזעען זיך אַזוי ווי כ׳שטיי און גיי,
מיין אויפשטיין און מיין לייגן זיך ער זאָל געטריי מיר אָפּשפּיגלען,
חלף־שארף און גליוועדיק באַווייזן מיך אַליין,
וואָלט איך דערזען אַ גערטנדל מיט בוימעלעך פּאָרטריקנטע,
מיט דינע צווייגלעך דאַרינקע, צעשויבערטע פון ווינט,
און דאָרטן אין דעם גערטנדל ביי אַ צעבראָכן טישעלע,
זיץ איך מיר, א זקנדל, אין מויל נישטאָ קיין צאָן,
די הענטעלעך די זקנישע זיי פּרעפּלען אויפן טישעלע.
און טאַפּן אויס אַ ברעקעלע צו נעמען עס אין מויל,
טאפּן און דערטאַפּן נישט. און ס׳ציטערן די פינגערלעך
און הייזעריק און בייזעריק עס פּייפּט זיין דינע שטימעלע
מיט צאָרנדל מיט זקינישן פּאַר נישט געבראַכטער שפּייז
ביז ס׳העלפט אים גאָט און ס׳דרעפּטשעט אָן זיין אויסגעקוואָרטע יידינקע,
מיט טריטעלעך געציילטינקע זי קלעפּלט צו צום טיש,
נאָ דיר, נעם אַ קיכעלע, א טייגעלע א ווייכינקן,
אַ חיות, עס צעגייט אין מויל, מען דאַרף צו דעם קיין ציינער נישט,
אָט האָסטו אויך אין גלעזעלע אַ ביסינקעלע מילך.
און נאָכדעם קומט אַ דאָקטאָרל, די הענטעלעך באַטאַפּט ער מיר,
און שאָקלט מיט די ברילן צו ווי גאַנדי צום געבעט,
גישט קשה ליבער זיידעשי, דער דופק איז נאָך גוט ביי דיר,

נאָר ס׳פּלעקעלע דאָס רויטינקע אויף דיין דינעם העלדזעלע
איז עפּעס מיר חשדנותדיק, אַ טונקל־רויטער פלעק.
שיק אורין אַ ביסעלע, מיר וועלן אונטערזוכן עס,
קאָן זיין עס איז נאָר סתם אַזוי, קאָן זיין אַז אפשר נישט,
איז אויב ס׳איז סתם איז גאָרנישט־נישט, אַ זאַלבעלע אַ קאַפּינקע,
און אויב ס׳איז יאָ, איז מילא, וועט מען געבן אינסולין...
נאָר זאָרגט־זשע זיך נישט זיידעשי, אין יאָרעלעך אין אייערע,
איר האָט שוין אַלץ זיך אָנגעהערט און האָט שוין אַלץ געזען,
איז דער וואָס שענקט אייך ס׳חיות אין דעם גערטנדל אין שיטערן,
וועט שענקען אייך א שפּריצעלע אין אָדערל אריין.
און דין עס לאַכט דער דאָקטאָרל ביים אויפשטיין און געזעגענען,
און זיידעשי כיכיקעט צו מיט שווארצן מויל אָן ציין,
א זשאַבעלע ביים אַלטנס פיס זי נורעט זיך אין בלאָטעלע,
מיט זשאַבע־טריט די יידינקע עס קומט צום טיש צוגיין,
זי טרייבט אַראָפּ אַ פליגעלע פון בערדעלע פון ווייסינקן
וואָס זיצט זיך על פי טעות אויפן לעבעדיקן מת,
נו, וואָס האָט ער געזאָגט דיר, דער דאָקטאָרל דער טייערער,
וואָס ברענט דיר אונטער לעפּעלע פון מיאוסן רעצעפּט?...

נאָכדעם פאַלט דער אָוונט צו, עס ווערט שוין בין־השמשותדיק,
ס׳נאָגט א בייסיק ווינטעלע אין דאַרע־קוואַרע קני,
אוי, לייג מיך שוין אין בעט אַריין, וועער כח האָט זיך דאָקטערן,
דעם טלית לייג צוקאָפּנס מיר און... גוט פאַרשליס די טיר,
אַ נאָגעניש אָן האַרץ אַזאַ, האָסט אפשר נאָך אַ קיכעלע,

פאַרווייק אין מילך אַ קאַפּינקע און גיב עס מיר אין מויל,
אוי טאַטע באַרעמהאַרציקער, דער דאָקטאָר האָט גערעדט צו מיר,
און כי, כחע, כחע, אַז אסור ווי געהערט איך האָב אַ וואָרט
דאַכט זיך ער׳ט גערעדט פון עפּעס אַ מין שפּריצעניש,
פון פענדזלעוועז דעם גאָרגל, צי נאָך עפּעס אַ זאַך,
נאָר ווייסטו ליבע יענטעלע, עס ברעכן מיר די קריזשעס גאָר,
איז לייג מיר שוין אין בעט אַריין און לאָמיר מאַכן נאַכט...

...און הייטעלעך אויף אייגעלעך, פאַרציען זיך מיר קלעפּעדיק,
ווייס ווי ביי אַ הינדעלע פון שוחט׳ס האַנט אַ וואָרף,
די קריזשעס לאָזן נאָך און די קניעלעך נישט ציטערן,
דאָס קישעלע באַוועגט זיך נישט אונטער זקיניש קעפּעלע,
דאָס בערדעלע פאַרשטשעמעט שפּיזלט זיך אין ד׳רהויך — —
דעמלט קומט דער חלום אָן אַ קלאָרער און אַ לויטערער,
באַגערן די געוואונטשענע קומען זיך צונויף,
א שפּיגל אַ קרישטאָלענעם ברענגען צוויי מלאכים מיר,
און האַלטן פאַר מיין פּנים אים און זינגען: קוק זיך צו...
עפן איך די אויגן אויף — פאַרלאָפן־ווייסע הייטעלעך
און קוק אין דעם קרישטאָל אריין און לאַך צו זיך אַליין:
כי, כי... א מאָדנע זאַך, דאָס בערדעלע זיך האַלטן קאָן
אויף גאָמבעלע אויף דאַרינקע און אַ מויל אָן ציין,
ס׳וועט קיינער דאָך נישט זשאַלעווען דאָס בערדל זאָל אַראָפּפאַלן,
דאָס זקיניש־ליידיק־מיילכעלע פאַרמאַכט ווערן און שוין,
איז גריסט זשע מיר מיין דאָקטאָרל, אַ לעבן און געזונט אין אים,
דאָס טריטעלע אויף יענער זייט כ׳וועל מאַכן שוין אַליין...

צו די יונגע הי־געבוירענע...

ס׳קאָן קומען ווען א צייט, זי זאָל נישט קומען,
אַ שטורעם קאָן אַ יאָג טאָן איבער בלומען,
און בוים־צעברעכער, ווילדע לעבנסשענדער
וועלן וועלן אונדזער היים פאַרלענדן,
און איר, ווי יונגע טיגערס, פייל פון בויגן,
אָנפליען איר וועט, מיט שנאה אין די אויגן,
און דער מחנה גיפטיקע שאַקאַלן
מיט אַ פייער־האָגל זיי באַפאַלן,
זאָל דער טראָט אייערער, זיכערער, געשיקטער,
אַוועק אין ריטם פונעם קול וואָס האָט געשיקט אייך...

וועט אייער אויג דערזען, און אייער אויער
וועט אויפנעמען אַ שטים פון אומגעהויער,
געקוילערטע דורך דורות איבער לענדער,
פון אַ פאָלק, וואָס האָט צווישן שענדער
געראַנגלט זיך, אין בלוט איז אָפּגעגאַנגען,
און אָפּגעהיט אויף אייביק די פאַרלאַנגען.
דורך פייער און דורך שווערד זיי דורכגעטראָגן,
ביז זיי האָבן צו דעם ירדן אָנגעשלאָגן,
צום ישראל־הימל קלאָרן זיי פאַרהויבן,
און אייך זיי אָנגעטרויט, איר יונגע לייבן.

ווען איר דערזען דעם חלום פון מיליאָנען,
וואָס האָט נישט אויפגעהערט תפילה טאָן און מאָנען,
ביי יעדן פאַלן, ער זאָל זיין דער לעצטער,
מיט ווונד אין האַרץ, געיאָגטע און פאַרהעצטע,
דורכגעטראָגן זיך דורך אַלע פייער־בראַנדן,
אַבי ביים ברעג, ביים ליכטיקן צו לאַנדן,
און אייך, די יונגע, אויסגעבריט ווי טיגערס,
באַשווירן אייך צו וואַקסן בלויז ווי זיגערס,
און זיין די לעצטע וואָס זיי קאָנען קלאָגן,
און זיין די ערשטע פון דער בשורה אָנצוזאָגן.

און הייליק זיין עס זאָל זיך אייער מיען,
שוין איצטער שמייכלט נישט ביים תפילה־שפּרוך:
ביי ציון...

אין פארכטיקע טעג

ביים בלעטערפאַל־רויש אין ווינט אין צעוויגטן,
דו ווילסט, כאָטש אין שברים, דערהערן מיין קול,
איך וויל דיר געגוג טאָן, איך גאַר דיר גענוג טאָן,
נאָר שטום איז מיין צונג און ס'וואָרט אין מיין מויל,
ווייל אַלץ וואָס געלייטערט און אַלץ וואָס געשענדעט
דו האָסט עס פאַרזייט אין מיין טיפקייט פון טיף,
און איך האָב נאָר אויגן מיינע געבלענדיקט,
אַ בלינדער מאַטראָז אויף אַ פינצטערער שיף...

קיין וואָרט אין מיין מויל נישט. מיט לשון מיט שטומען
איך שטיי אין דעם בלעטערפאַל גרייט פאַר דיין דין,
אַ טרער נאָר וועט אויפגיין און וועט פאַר דיר קומען,
אַזוי ווי אַ ליכטיקער טוי אין באַגין,
און אפשר אין תקיעה, און אפשר אין תרועה,
וועט רעדן צו דיר די געזאַלצענע טרער,
ווייל אויב נישט באַשערט איר אין שטילקייט צו רוען,
ווער האָט איר אין אומרו געשליידערט, אָ ווער?...

און זיין וועט די טרער פון מיין לעבן אַן עדות,
ווען וואָרט אין מיין מויל קלעקט מיר נישט מער,
ביי דיר וועט זי מאָנען מיינע אבידות.

פון צער פונעם הארץ, וואָס געבליבן איז לער,
ווייל דו האָסט דאָס גוטס און דאָס שלעכטס מיר געגעבן,
און האָסט עס פאַרזייט מיר אין טיפקייט פון טיף,
און איך האָב נאָר אויגן מיינע געבלענדיקט,
אַ בלינדער מאַטראָז אין אַ פינצטערער שיף...

וויאזוי ווערט געשאפן דאס ליד

זאָג מיר דיכטער,
וויאַזוי ווערט געשאַפן דאָס ליד?
דאָס ליד וואָס בריט,
וואָס וועקט און וואָס מאָנט,
אין עלטער אין טיפן
אין יוגנט דערמאָנט,
אין שטענדיקער בענקשאַפט
זי ציט דיך און ציט,
וויאַזוי ווערט געשאַפן דאָס ליד?

ווילסט וויסן וויאַזוי ס'ווערט געשאַפן דאָס ליד?
פאַרזוך פון דעם אומרו
פון דיכטערס געמיט,
וואָס ברויזט אין זיין האַרץ
אין טעג און אין נעכט.
און שטענדיק עס האַלט אים
אין גלי, אין געפעכט,
מיט דעם וואָס עס איז
און ער וויל ס'זאָל נישט זיין,
מיט דעם וואָס ס'איז נישט
און ער וויל ס'זאָל זיין.

וואָס וועבט פון דעם פיין
פון זיין פאָלק זיך אַ קלייד,
וואָס וויינט אויף זיין טרויער
און בענטשט אים זיין פרייד,
דאַן טרעפט ווי אַן אָדלער
אין רוימען ער פליט,
און פאַנגט אין זיין פליען
דעם קלאַנג פאַר זיין ליד.

און דעמלט צום פאָלק זיינעם
פליט ער אַראָפּ,
מיט פלאַם אין זיין אויג
און געהויבענעם קאָפּ,
און וועקט אים
און מאָנט אים,
און שטאַרקט זיין געמיט,
און זינגט פאַר אים מוטיק
זיין דיכטעריש ליד.

עס ווייסן דאָך אַלע
אַז ברויט איז דאָך ברויט,
אַז לעבן איז שענער
פון זינלאָזן טויט,
אַז פרייהייט איז בעסער

פון שקלאַפישן פּיין,
ס'איז בעסער פון חושך
די ליכטיקע שיין,
אַז אויגן געליבטערס
זענען ווי מאַנדלען,
נאָר ווער ווייסט דעם טרוים
אין אַן אמת פאַרוואַנדלען?
קומט דעמלט דער דיכטער
מיט מוטיקע טריט,
און זינגט פאַרן פאָלק אויס
זיין שטורמיש ליד...

פלאנצן

די ערד איז דורכגעאַקערט טיף
באַוויליקט איז איר מוטערלייב איינגאַנצן,
נאָר ווי אַ פייגל איינזאַמער אויף וויגנדיקער שיף,
עס טרויערן אויף איר די יונגע פלאַנצן.

אַנעמיש הונגעריק דער וואָרצל זויגט זיך איין,
אין ערד באַמיסטיקטער, גרייטע צום געבאָרן,
נאָר ערגעץ אין דער טיף פון שטומען זיין,
גייט זיין יוגנט־בענקשאַפט ווו פאַרלאָרן.

דאַכט זיך וואָס: אַ פלאַנץ ווי אומעטום,
אַ גרינער בלעטערוואַרג באַפוצט דעם קערן,
עס הערט אָבער נישט קיינער ווי פאַרשטומט
עס ווערט דער הייסער דראַנג פון וועלן ווערן...

אַ יונגער פלאַנץ אויף פרעמדער ערד,
דער וואָרצל בענקט נאָך שטאַמיקייט פון מאַמען,
זיין גרינער קאָפּ איינגעטריקנט ווערט,
און ס׳בריט די הייסע ערד מיט קאַלטע פלאַמען...

די ערד איז דורכגעאַקערט טיף,
באַווייליקט איז איר מוטערלייב אינגאַנצן,
נאָר ווי אַ פויגל איינזאַמער אויף ווייגנדיקער שיף
עס טרויערן אויף אים די יונגע פלאַנצן...

א רויטע בלום

מאַי אין דרייצן ניינצן אַכטאונפערציק,
אין כפר הס קום אָן און קוק זיך שטיל אַרום,
ס'האָט איבער נאַכט דאָ, ביי דעם קינדער־גן צעבליטן,
אויפגעשפּראָצט אַ רויטע, א מכבי בלום.
אָ, וועמענס האַנט האָט איר אין גראָז פאַרזעצט דאָ,
און ווער באַוואַסערט האָט איר יונגן רויט,
עס האָט דער קאַלטער טויט אויף יונגן גוף אירן באַזעצט זיך,
און איר געזייט עס האָט דער טויט.
מאַי אין דרייצן ניינצן אַכטאונפערציק,
געגאַנגען איז אין שלאַכט אַ לעבעדיקע בלום.
זיין בלוט פאַרזייט אויף ברענענדיקע ערדן.
אַ בלום אַ רויטע האָט אַרויסגעשפּראָצט דערפון.

עס שטורעמט מדבר ווינט אויף ברייטן פון דעם היימלאַנד,
עס ברויזט דער ים אין ווירבל פונעם ווינט,
און ער, מיט שטיפערישן סווישטש ווי זיין געוווינהייט,
גייט אין שלאַכט, אַ זעלנער און אַ קינד...
וואָס קאָן אַ זעלנער מער באַגייסטערן ווי נגון,
און אַ קינד אונטערן הימל־שטערנדיקן דאַך?
אַז ער איז ביידע און ס'טוט אים איצט פאַרוויגן
די שטורעם־ליד און הייסקייט פון פלמ"ח.

גייט אין שלאַכט אַ קינד מיט בליקן פון אַ זקן,
צום פאַרטיידיקן כפר טירה און כפר הס.
דער ווירבל ווינט ווערט פאַר זיין גאַנג דערשראָקן,
און פון דער פינצטערניש עס לויכט אַרויס דער נס:
גופים טייערע פון קינדערשע גבורים
אין יסורים וואַרטן אויף זיין גאַנג,
קומט דער שלאַכטמאַן — דער חובש, מיט זיי אינאיינעם
פויזעט ער דורך פיינטלעכן געדראַנג,
ווער קאָן דעם וועג פאַר יונגן האַרץ פאַרצאַמען?
פאַר ווענען ס'איז דאָס לאַנד אַ קינדער־וויג,
די פרוי די איינציקע געקושט האָט אים — זיין מאַמע,
די קינדערפריינט פון משק, דאָס קעלבל און די ציג,
הייבט אַ בענקשאַפט אין דעם יונגן האַרץ צו נאָגן
צו פעלד און בוים, פונדאַנען נאָר אַ שפּאַן;
צי וועל איך נאָך באַווייזן ביז ברעכן וועט אויף טאָגן
אַ היים קומען און אָנטרינקען דעם דורשטיקן תלתן?
נאָר ס'ליגט דאָס גראָז פאַרחלשט אויפן פעלד שוין,
די האַנט פון דעם באַוואָסערער גליווערט אויף אַ שטיין,
מיט אייביקייט און רום באַהעפט האָט זיך דער העלד שוין,
און אין אַ בלום אַ רויטע צעבליט זיך זיין געביין...

אויף פעלדער גרין־צעבליטע באַפרייטע פונעם שונא,
פליען פייגל אום מיט סווישטש און מיט געזאַנג,
זינגען זיי אַ ליד פון אַלע און פון איינעם,

וואָס האָט דאָ דורכגעשפּאַנט זיין לעצטן גאַנג...
און ווען די זון פאַרגייט פאַרזאַמלען זיך די פויגל,
ביז ברעכן ווערט אויף טאָג, ביז אויפגיין ווערט דער פרי,
אַרום דער רויטער בלום, מיט קעפּלעך שטיל געבויגן,
און זינגען אויס דאָס ליד, פון יונגן העלד, פון צ ב י...

א היים

נישט קיין אויספלוג איבער געגנטן
האָט מיך פון דער היים פאַרפרעמדט,
קיין שום ליכט פון פרעמד באַגעגנטן
האָט מיין בליק נאָך נישט פאַרבלענדט,
דאָס האָבן מיינע שטומע ווייטיקן
פון דער היים מיר נאָר פאַריאָגט,
כדי איך זאָל אין היים זיך נייטיקן
אין מיין טרויער, אין מיין פלאָג.

כ׳האָב מיין צער אין טרער געוואַשענעם
מיטגענומען אויפן וועג,
דורך די שליאכן אייביק־רעשיקע
זאָל ער פירן מיך צום ברעג,
ווו עס קאָן אים נאָר דערגרונטעווען
אַן אויג געטובלט אין אַ טרער,
ווען עס שטיקט דער צאָרן צונטערער
און עס קלעקט קיין מוט נישט מער...

כ׳קער א היים מיט וועג געפונענעם
אינמיטן שבהדיקער וואָך,
נישט מיט קול פון אַ באַנומענעם

צום באַיאָמערן מיין בראָך,
נאָר מיט אויגן אויסגעלייטערטע
ציילן גליקלעכן פאַרמעג,
וואָס אין גאַנג, אין אייביק הייטערן
כ׳האָב געפירט מיט זיך אין וועג.

נישט קיין אויספלוג איבער געגנטן
האָט מיך פון דער היים פאַרפרעמדט,
קיין שום ליכט פון פרעמד באַגעגנטן
האָט מיין בליק נאָך נישט פאַרבלענדט,
דאָס האָבן מיינע שטומע ווייטיקן
פון דער היים מיר נאָר פאַריאָגט,
כדי איך זאָל אין היים זיך בייטיקן
אין מיין טרויער אין מיין פלאָג...

דער נס

איך שטיי אין בלויען ליכט אַן אויפגעשטראַלטער,
אַ צווייג צעליכטיקט זיך אין יונגן בעז,
מיין האַרץ האָט דאָך פאַרהיט און דאָך באַהאַלטן,
דעם קערן פאַרן שפּראָצנדיקן נס.

פאַמעלעך שפּראָצט ער אויף ווי נאָך אַ שטורעם,
זיין יוגנטבלי צו זון ער טוט אַ קער,
אָ האַרץ מיינס, זיי פאַר אים דער בעסטער פורעם,
פאַרהיט זיך צו פאַרבלייבן אייביק לער!

פאַרהיט אים, האַרץ, פון שעדלעכער יניקה,
פון פרעמדן, זייטיקן, פאַרדאַרבונג־סם,
ס'האָט ווילדגראָז דיך, מיין האַרץ, געקאָנט דערשטיקן,
ס'האָט גיהינום־היץ געברענט דיך אין איר פלאַם.

און דאָך, נאָך אַלע פּיינען, אַלע גרוילן,
צעבליט עס האָט אין דיר דער גרינער נס,
פאַרהיט אים, האַרץ, פון שטורעמווינט און פוילונג,
די ליידיקייט און טרויער נישט פאַרגעס.

שפּרייט אויס פאַר אים דיין ברייטקייט אויף צו וואַקסן,
פראַל אויף פאַר אים דיין פעצנטער פאַר דער זון,

באַהיט אים, האַרץ, פון פלייצנדיקע שלאַקסן,
זאָל ער שוין, גאָט, נישט וויסן מער דערפון.

ווייל נאָר אין אים איך שטיי אַן אויפגעשטראַלטער,
מיט הענט צעבליטע ווי דער יונגער בעז,
און האָב געקאָנט דאָס אַלץ אריבערהאַלטן,
צוליב מיין גרינעם, שפּראָצנדיקן נס...

קינדער פון לאַנד ביי דער ווייסל...

עס פינקלט דער ים מיט זיין בלוי
זיין בלענדלעכקייט גריסט זיך צום דרום,
ווו בערגלעך געוויקלט אין גרוי,
שטייען מיט זון־ליכט געאָרעמט,
קוקן קינדערשע אויגן פאַרבליפט,
אויף ליכטיקן שפּיל פון די פאַרבן, — —
היי, קינדער אין זונשפּיל פאַרטיפט,
דאָס אַלץ איז באַשערט אייך צו אַרבן!...

אייער קינדערשער בליק איז פון וועג
מיד נאָך, און שווער צו באַנעמען,
דעם סימן פון יעטוועדן שטעג,
די אַלטע פאַרצייטיקע נעמען,
נאָר אָנגעשפּיצט איז דער געהער
די פאָרזיכט אין אויג נישט פאַרלאָשן,
און דאָס וואָס פאַרשטיין איז אייך שווער,
דערציילן עס וועט אייך אַ משל:

פון אשקלון, אָט פון דעם אָרט,
ווו איר האָט פון פאָרט זיך דערשלאָגן,
אַוועק איז מיט יענעם שטעג, דאָרט,

אַ יידישער גבור זיך שלאָגן,
געווען איז עס נעכטן? אַמאָל?
אַלץ איינס, נאָר דער העלד איז דערגאַנגען,
צו עזה, וואָס ליגט דאָרט אין טאָל,
זיין טויט־קלאַפּ דעם שונא דערלאַנגען...

זיין נאָמען איר האָט נישט געהערט?
איר ווייסט נישט פון שמשון די מעשה?
אַ משל פאַרכאַפּט און דערקלערט,
אָט מאָלט אייך, ווי דאָרט ביי דער ווייסל,
געגאַנגען איז דאָ אַזאַ העלד,
געגאַנגען אין מדבר, נו... פּושטשע...
מיט גבורה זיין טראָט דאָ געשטעלט,
אַזאַ, לאָמיר זאָגן, קאָשטשושקאָ...

אהה! איצט ווייסט איר דעם מיין,
ס'האָט פרעמדע גבורה דערמאָנט אייך,
קוקט צו זיך צום ליכטיקן פליין,
ווו העלדישער שפּור איז דאָ נאָנט אייך,
דאָס האָט אייך דער גבור געלאָזט,
ער שיקט אייך דורך ים זיינע קושן,
דורך הייסן ווינטן־געבלאָז,
ער שיקט אייך זיין שווערד בירושה...

— — — — — — — — — — —

אין אשקלון פינקלט דער ים
אַנטקעגן דער זונקויל צעגליטער,
און יידישע קינדער צעפלאַמט
שטייען ביים ברעג צוגעשמידטע,
און הערן אין כוואַליע־געשוים
פון שמשון דעם גבור די מעשה.
איבער זיי אַ ליכטיקער רוים, — — —
קינדער פון לאַנד ביי דער ווייסל...

בלוט... און בלוט־בלבול

אַ פּופּצן־יאָריק מיידל פון פּוילן, אַ נייע עולה, וועלכע איז אין אָקופּאַציע־צייט אויפ־געצויגן געוואָרן אין אַ קלויסטער, האָט גע־חלשט ביים סדר, ווען זי האָט דערזען די מצות, ווייל מען האָט איר אין קלויסטער געזאָגט, אַז די מצות ווערן געבאַקן אויף בלוט פון קריסטלעכע קינדער.

(פון דער פּרעסע)

דיינע אויגן, טייער קינד,
פאַרנעפּלט זענען מיט פרעמדן נעפּל,
ווען ס׳האָט געבושעוועט דער ווינט,
געבויגן האָסטו פרום דיין קעפּל,
אין תפילה צו אַ פרעמדן גאָט,
וואָס האָט דיין תפילה נישט באַנומען,
נישט נאָך כלומרשטן גענאָד,
נאָר ראַטעווען דיין נפש ביסט געקומען.
דיין מאַמע האָט דורך רויך און גאַז,
צו דיין באַהעלטעניש דיך דורכגעטראָגן,
דער גוף אירער אין טויט־שווייס נאַס,
צי וועט זי דיך צום אויסבאַהאַלט דערטראָגן,

און דו, אַ קינד פון יידישן געביין,
דיין רו געפינסט אין קלויסטער אין פאַרשפּאַרטן,
צי ווייסטו וואָס פון מאַמעס הייס געוויין?
אַ ניין! מען האָט אין קלויסטער נאָר גענאַרט דיך!
די ערד געטרונקען האָט דיין מאַמעס פּיין,
געוואָרן פול מיט יאָמער ביז צום פּלאַצן,
און דיך האָט מען גענערט מיט גיפטיק וויין,
צו זוכן קריסטלעך בלוט אין בלייכער מצה...
אַ טייער און אומשולדיק יידיש קינד,
ביים פויגל אין דער לופט דו קאָנסט דערפרעגן,
דערציילן וועט דיר אויך דער קלענסטער ווינט,
וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אויף יענע וועגן:
דער בלויער טייך געוועז איז דעמלט רויט,
פון בלוט פון קינדער יידישע, פון מאַמעס,
מיט יעדן וועג געקומען איז דער טויט,
אַ קינד! דערוויס זיך עס און נישט פאַרזאַם עס!
וועסטו דערוויסן זאַכן זיך, אַ גרויל!
און וועסט עס אין דיין לעבן נישט פאַרגעסן,
דאָס האָבן זיי געזעטיקט זייער מויל,
פון יידיש בלוט געגרייט פאַר זיך אַן עסן...
וועסט עלטער ווערן קינד, וועסטו פאַרשטיין,
דעם גרויסן בראָך וואָס האָט דיין פאָלק געטראָפן.
ביז דעמאָלט זאָל דיין קינדיש בליק זיין ריין,
זאָל רואיק זיין דיין וואַך־זיין און דיין שלאָפן,

שעפּ אָן דיין גלויבן פון דיין מאַמעס אויג,
וואָס האָט דורך פייער צו דיין היים געבראַכט דיר,
און אונטער האַנט אירער דיין קאָפּ פאַרנויג,
ווייל ווייס מיין קינד, דיין אייגן לאַנד באַוואַכט דיר...

דער שרייבער איליא... בן חנה...

(סאַטירע)

אַ גאַסט אויף אַלע חתונות, געבעטן נישט געבעטן,
איך וועל דעם קליינעם פעלער שוין ווי עס איז פאַרגלעטן,
אַבי געהוליעט און געטאַנצט, אַז לעבעדיק זאָל זיין,
לייגט אָן אַ טעלער ראָסל־פלייש, גיסט אָן אָן עמער ווייַן,
נישט פרעגט מיך ווי איך קום אַהער, און וואָס איך וועל דאָ טאָן,
שטעלט דעם כבוד שנעל אַרויף, כ׳על ווייזן וואָס איך קאָן.
היי, לעבעדיק קלעזמאָרימלעך, רייבט אַ מאַרש אַוועק,
אונטער אייער נגונדל נישט בלייבן וועט אַ לעק,
פון דעם פעטן ראָסל־פלייש, פון דעם עמער ווייַן,
אַ רוח אין דעם טאַטן פערעטאַטן דאָ אַריין!
היי, הולאַיי יאַשו!...

די מאַמע חנה האָט געהאַט זיבן שיינע זין,
האָט זי זיי, די באַרישע, אָפגעשיקט אַהין
ווו מען פרעסט קיין קאָלבאַס נישט, מען זשלאָקעט נישט קיין וויין,
און סע געשיקט זיך אויך נישט דאָרט אַ חתונה זאָל זיין,
און איך, דער אַכטער, לאָך זיך אויס פון אַלעמען אַרום,
אויף אַלע פרעמדע חתונות פלינקערהייט איך קום,
זאָלן מיינע ברידער שוועבן זיך אין הויך,

איך דער אַקטער, דער פּאַראַכטער, פּרעס אזש ס׳גייט אַ רויך!
היי לעבעדיק, קלעזמאָרימלעך, רייבט אַ מאַרש אַוועק,
נישט בלייבן וועט פון ראָסל־פליש קיין סימן נישט, קיין לעק,
הולאיי יאשו...

וואָס טויג מיר דאָרט, ווער טויג מיר דאָרט ביים שבתדיקן טיש,
מיט דער זיסער „כאלו״ און געפילטע פיש,
עס וויינט די אַלטע מאַמע אויף אירע זיבן זין,
מוז איך, זאָגט זשע איר אַליין, זיין אין מיטן דרין?
די מאַמע שיקט זיי, גייען זיי, באריש יונגע קעפּ,
און איך בין זיך אַוועק מיין וועג, צו ראָסל־פלישל־טעפּ,
היי, שפּילט זשע אויף, קלעזמאָרימלעך, אַז לעבעדיק זאָל זיין,
דערלאַנגט אַ פעטן קאָלבאַס נאָך, דערגיסט צום עמער ווין,
דער עמער איז שוין ליידיק באַלד, פון פּרעס נישטאָ קיין לעק,
וואָס זשע שווייגט איר, קלעזמער? פאַרטרייבט פון מיר די שרעק!
היי הולאיי, הולאיי, הולאיי יאשו!...

באלאדע וועגן דער וועלט און ר׳ אלתר מיט זיין געלט

זיצט זיך ר׳ אלתר און ציילט זיך זיין געלט,
ציילט זיך זיין געלט און טראַכט פון דער וועלט:
אַ דור נאָך אַ דור פאַרגייט און פאַרגייט,
פונדעסטוועגן ס׳וועלטל אייביק זי שטייט,
פאַרהוילן, פאַרבאָרגן דער גאַנג פון דער וועלט,
אזוי ווי דער פיבער און גלאַנץ פונעם געלט,
ווער קאָן עס פאַרשטיין?

פאַרגנבעט אַ שטראַל זיך אין באָרד פון דעם ייד
און האַלט אים אין גילדערנעם שפינוועבס געשמידט.
זשמורעט ער צו אויף אַ ווײַלע אַן אויג,
און טוט מיטן פינגער מיט גראָבן א בויג:
נישטאָ וואָס צו רעדן, די וועלט איז אַ וועלט,
ווער רעדט נאָך אַז ס׳איז פאַראַן ס׳ביסל געלט,
באַטש גליק איז אַ זאַך וואָס קאָן ווען פאַרגיין,
ווער קאָן עס פאַרשטיין?

קלאַפּט מיטן שנאָבל א פויגל אין שויב:
רב אלתר, זייט מוחל, דעם קאָפּ טוט א הויב,
לאָזט איבער אַ ווײַלע דאָס ציילן דאָס געלט,
אויב איר ווילט דוקא וויסן דעם סוד פון דער וועלט,

די זון האָט געעפֿנט איר אוצר אַ שלל,
עס גיסט זיך פֿון גילדערנע רענדלעך אַ קוואַל,
אַ מענטש ציילט זיך געלט איינער אַליין,
ווער קאָן עס פֿאַרשטיין?

מיט ציטריקע הענט עפֿנט ס׳פֿענצטער דער ייִד,
און פֿילט ווי עס וואָלט אים אין האַרצן געבריט,
אַ יונגער געזאַנג טראָגט צום פֿענצטער אַרויף,
און מישט זיך מיט ייִדנס געלט באַלד צונויף,
און איידער דער ווינט פֿליט דורך פֿענצטער אַרויס,
צעפֿליט זיך דאָס געלט אויף די גאַסן — און אויס!
אַ ווינט אַזאַ שטיפֿער, אַ טריפֿענער ביין,
ווער קאָן עס פֿאַרשטיין?

זיצט זיך דער ייִד ביי זיין טיש אָן דעם געלט —
אַ וועלטל געוואָרן, אויך מיר אַ וועלט,
אַ דור נאָך אַ דור טאַקע גייט און פֿאַרגייט,
די וועלט ווייזט אויס, שטייט בישט, נאָר ס׳דאַכט זיך זי שטייט,
אַ פֿויגל, אַ שטראַל, אַ יונגער געזאַנג,
גיי זיי אַ מבֿין, פֿאַרשטיי זייער גאַנג,
און דאָ נאָך דער ווינט וואָס קומט אָן צוגיין,
ווער קאָן אים פֿאַרשטיין?...

דער וועג צו שיינקייט...

און דאָס איז דער סימן, און דאָס איז דער צייכן,
פאַר דעם, וואָס וועט קאָנען צו שיינקייט דערגרייכן:

אין שעה פון נסיון ער וועט אָנשטאָט טרערן,
לייכטן מיט ליכט פון גליקלעכע שטערן.

דעם ווייטיק וועט ער מיט ווייטיק דערשטיקן,
און צינדן זיין אויג מיט פרייד אין די בליקן.

און דאַרף מען אַ קרבן — וועט ער אים געבן —
צינדן אַ ליכט — זיין פלעמלדיק לעבן.

אַנטקעגן דער פרייד וועט ער גיין אַ צעשטראַלטער,
אין פאַלדן פון קלייד זיין טרויער באַהאַלטן.

אין לויטערן קוואַל פון ליבע און גלויבן,
וועט ער דעם אייגענעם אומגליק דערהויבן —

צום שיין פון די שטערן אין ערב באַגינען,
און וועט דאָרט זיין טרייסט צו זיין ווייטיק געפינען.

און קניען ער וועט צו זיין גאָט וואָס פאַרלאָזט אים,
און האָט אין זיין אייביקן טרויער געלאָזט אים,

דער גאָט וועט אים שענקען אַ גאַליקן שמייכל,
און נאָכדעם פאַרקלאַפּן די טיר פון זיין היכל.

און ער וועט דעם שמייכל טרינקען ווי סמען,
און דאָך ביי דער טיר דער פאַרקלאַפּטער פאַרזאַמען,

און שעפּטשען די תּפילה פון חסד און ליבע,
כאָטש פון זיין האַרץ רינט דער טרויער אַריבער.

וועט דאָס זיין דער סימן, וועט דאָס זיין דער צייכן,
ס'איז דער, וואָס געקאָנט האָט צו שיינקייט דערגרייכן...

נידערשלעזישע לאַנדשאַפט

ס'איז די שטילקייט דאָ, ווי דער שלאָף פון אַ קינד
מיט בעקלעך צעפּלאַמט אונטער טיול אונטער דינעם,
און היימיש אַזוי דאָ פּלאַטערט דער ווינט,
צווישן די ווילעס און בוימעלעך גרינע.

קומט אָן דער פאַרנאַכט ווערט שטילער ווי שטיל,
דער הימל בעט אויס זיך אויף בוימערשע קרוינען,
אין צווייגן געדיכט זיין ליד זינגט דער גריל,
מיט אים זינגען בוימער און הייזער אינאיינעם.

פאַרווישט זיך דער צייכן פון שטעג צו א שטעג,
און ס'וועבן די שאָטנס די צווייגן צוזאַמען,
דער גלי־וואָרעם בלויז געפינט זיך אַ וועג,
און פליט אין דעם ליכט פון אייגענעם פלאַמען.

בליצט אויף דאַן די געגנט מיט גליאיקן גרין,
מיט פייערלעך קליינע, מיט שימער פון שטערן,
און לויכט אַזוי לאַנג ביז ס'קומט אָן דער באַגין,
און שטאַרבן — אויף ווידער געבוירן צו ווערן...

פוילישער ווינטער

פאלן ווייסע בלימעלעך אויף אויסגעשפרייטער ערד,
ווערט די חרובדיקע שטאָט אַ ווייסער בלומענבייט.
און ווען די זון, אַ מידע, אין מערב זייט פארגייט,
באַהאַלט זי אינעם בלומענבייט איר אָנגעגליטע שווערד.

אָטעמט ווייסע בלענדלעכקייט מיט שנייאיק־קאַלטער היץ,
ווערן בלימעלעך פארשיט מיט גליאיקן געפריר,
און רויטלען זיך ווי קינדער פון צארטן האנט־באריר,
און לויכטן אויף ווי שטערן, מיט ליכטיקייט פון בליץ.

אַ צארטע ווייסע שנייעלעך, זאָגט וואָס זייט איר מיר,
אַ לעבעדיק געזאנג פון ביינערנע קלאָווישן,
וואָס שפּילן בענקשאפט־לידער אויס אויף מיין הארץ־קלאַוויר?

און אפשר זינגט דער אומעט אין אייער לייכט וויבריר,
ווייל ס׳האָט אַ טרער פארנעצט די זילבער־ווייסע קישן,
און אימיצנס אַ טראט וועט אייער שפור פארווישן?

פוילישע באלאדע

ביי א חרובן הויז אין דער קרוין־שטאָט פון פוילן,
שטייען דריי מענטשן, מיט בליקן פאַרהויבן

צו ליכטיקער זון, וואָס שטראַלט איבער חורבה,
און צערטלט אין האַרצן די רו און דעם אומרו.

זאָגט איינער, דער פויער: כ׳בין זיכער, דאָס ווינטל
וועט ברענגען די זון אויך אויף פעלד מיינס צעגרינטן.

און פונקט ווי די חורבה פאַרוועבט זי אין שטראַלן,
וועט זי אויך מיין פעלד מיט שפע באַשטראַלן.

דער צווייטער, דער בויער, שמייכלט צעפרידן:
די זון האָט, ווייזט אויס, אין דעם טייכל געניִדערט,

אין דערפל ביים ראַנד, און פון דאָרטן געקומען,
אַ לויטערע, ריינע, מיט פרישקייט פון בלומען.

דער לעצטער, דער דריטער, ער שטייט ווי אַ היטער,
מיט יידישע אויגן אין בענקשאַפט פאַרשמידטע:

געזען כ׳האָב די זון וויפל מאָל אין פֿאַרטאָגן,
נאָר כ׳האָב זי קיינמאָל צו זיך נישט דערטראָגן.

איך וועג זי אויף שאָלן, איך מעסט זי אויף קוואָרטן,
ווייל כ׳האָב נישט קיין אייגענעם פעלד און קיין גאָרטן...

דער רואיקער פֿויער שמייכלט צום בויער:
די זון וועט אונדזביידן באַגילדן דעם טרויער.

די ייִדישע אויגן בענטשן זיי ביידן,
און וואַרטן אויף אייגענער חלום־באַשיידונג...

דער סוד

די אַנטפּלעקונג פון יעטוועדער סוד,
מאַכט בלייך און קאַלט די אַנטפּלעקונג,
ט׳איז גרויס דאָס ליכט פון געגנאָד,
וואָס קאָן מיט טונקל פאַרדעקן —

דאָס אַלץ וואָס מיר גאַרן אזוי
אין אייביקן פיין זיך דערוויסן,
אויך אין הימלישן לויטערן בלוי,
מוז מען קאָנען דעם חושך פאַרשליסן... —

ער זאָל ווי אַן אָפענע קאָרט
נישט קומען אַנטבלויזן די ווונדן,
ווייל נאָר אין פאַרטייעטן וואָרט,
דאָס אומגליק מיט גליק איז געבונדן...

גייסט נאָך נאָך דעם סוד וואָס ער לאָקט
און ווערסט אין דיין זוכן באַזיניקט,
ווי ס׳ברעכט זיך די נאַכט ווען עס טאָגט,
אַזוי ווערט דיין בענקען באַזוניקט.

ווייל ס'איז די אַנטפּלעקונג אַ טרוים,
כל זמן ז'איז צו דיר נישט געקומען,
זי פּלאַטערט אויף יעטוועדער בוים,
און ווערט אין דער בלויקייט צעשוווּמען...

אין פידל־שפיל

שרעק

מסתמא איז געשען שוין וואָס איך האָב דערוואַרט,
פאַרטריקנט איז דער קוואַל פון מיין יניקה,
אַ סימן: ס׳ווערט מיין בליק פון טאָג צו טאָג מער האַרט,
און זעלטן קומט אַ טרער אין האַלדז מיך שטיקן.

עס טרעפט אין אַ פאַרנאַכט, איך בין אַליין,
דערגייט צו מיר אַ קלאַנג פון וייטן בענקען,
דערזע איך מיינע אויגן, געוואַשן אין געוויין,
דאָס שטאַמלען פון מיין האַרץ, דו זאָלסט אין מיר געדענקען.

אין האַרץ ביי דיר פאַרזייט — אַ העלער זאָמען,
בליען כ׳האָב געקאָנט אפילו וייט פון דיר,
ווייל ווו כ׳בין נאָר געווען געליכטיקט האָט דיין נאָמען,
ווו נאָר איך האָב אויפגעמאַכט אַ טיר...

ווען מרחק האָט געטריקנט דאָס געדעכענישט פון דיר,
אַנגעטרונקען האָב איך אים מיט טרערן,
איך בין געווען אין דיר און דו אין מיר,
און קיינמאָל נישט געאַנט, אַז ס׳קאָנען קוואַלן אויסגעטריקנט ווערן.

מסתמא איז געשען וואָס איך האָב ווען דערוואַרט;
פּאַרטריקנט איז דער קוואַל פון מיין יניקה,
אַ סימן: ס׳ווערט מיין בליק פון טאָג צו טאָג מער האַרט,
און זעלטן קומט אַ טרער אין האַלדז מיך שטיקן...

איז בענקשאַפט צו דיר...

א

ווען כ'וועל אויפהערן בענקען צו דיר,
וועט קומען די נאַכט און פאַרדעקן מיין ברעם,
אַ שפין וועט פאַרוועבן מיין טונקעלע טיר,
אַ פליג וועט אַן כוחות זיך ראַנגלען אין קלעם.

פאַרלאָשן וועט בלייבן דאָס ליכט אויפן טיש,
דער שאָטן אויף וואַנט וועט שטארבן אין שרעק,
דער טרויער וועט שטיקן מיך ווי דעם פיש,
וואָס ליגט שוין זייט אייניקע טעג אויפן ברעג.

וועט קומען אַ פלעדערמויז פרעסן מיין הארץ,
מיט טויזנטער שרעק וועט אַנטלויפן פון מיר:
ס'איז טרוקן מיין הארץ און ווי נאַכט איז זי שווארץ,
ווייל איך האָב שוין אויפגעהערט בענקען צו דיר...

ב

איך וואַרט נישט זאָלסט אַ קלאַפּ טאָן אין מיין טיר,
דו נעכטיקסט אין מיין האַרץ סיי ווי סיי,
איך פיל נאָך אַלץ דיין צארטן האַנט־באַריר,
כאָטש אונדזער לעצטע שעה איז לאַנג, שוין לאַנג פאַרביי.

די פינגער מײַנע ציִען זיך צו דיר אין גאַר,
די בענקשאַפט שטראַלט פון זײ מיט בלענדיק ליכט,
איך גלויב, אַז נאָר דעריבער און דערפאַר,
קומען וועסט צושוועבן אומגעריכט.

וועסט קומען אין דײַן ליכטיק־ווײַסן קלייד,
און מיטברענגען די זון וואָס איז פאַרגאַנגען,
און איך וועל בענטשן בענקשאַפט מײַנע וואָס פאַרגייט,
און שטײַגט מיט דיר אַרויף צום שטערן־שײַן דערלאַנגען...

ערשטער פרילינג־טאָג

אַ גלעט פון זונשטראַל ערשט געבאָרענעם,
דיין העלער שמייכל צו,
אז כ׳וויס נישט צי דער פרילינג ערשט געוואָרענער,
האָט אומגעקערט די פרייד מיינע פאַרלאָרענע,
צי גאָר ביסטו עס, דו...

אויף פעלדער פון דעם ווינטער פריי־געוואָרענע
ליגט פאַרזייט די בענקשאַפט צו מיין גליק,
צי האָט דאָס פעלד פון מאַנטל זיינעם וואָלענעם,
אויסגעוויקלט מיר אַ פרילינג אַ קאַיאָרענעם,
צי האָט עס גאָר דיין בליק...

אין ערשטן פרילינג־טאָג די סאַמע ווייטע ווייטקייטן,
ווערן אָן דעם שטח פון אַ ווייט,
צי האָט די זון דערוועקט מיינע פאַרשייטקייטן,
און רייף געמאַכט די ליבע־שטרייטקייטן,
צי גאָר דיין האַנט, וואָס בליט, ווי פרילינגדיקע צייט?...

גערעטעוועט גליק...

אויב ראַטעוועט קאָן מען דאָס גליק פון פאַרלענד,
און טראָגן עס ציטריק אויף גלוביקע הענט,
דערטראָגן עס שטיל צו אַ רואיקן ברעג,
און אויסהיטן עס פון יעטוועדער שרעק —
האָב איך עס געטאָן...

די רגעס פון גליק כ׳האָב געקייטלט אין גאַנג,
אויף זילבערנעם פאָדים, אין גאָרטן אויף באַנק,
איך האָב זיי געצעלט ווי אַ קאַרגער זיין געלט,
און אויב מ׳האָט געדאַרפט פאַרפולן וואָס פעלט —
האָב איך עס געטאָן...

אין האַרץ איז פאַרבליבן אַ בענקשאַפט צו גליק,
האָב איך עס פאַרצויגן אויף זילבערנעם שטריק,
צוזאַמען עס לייכט מיטן זונאויפגאַנג־ליכט,
נישט קומען דער אומעט עס זאָל אומגעריכט —
האָב איך עס געטאָן...

און איצט, ווען אַ צווייטער וועט טרינקען דעם וויין,
און איך וועל אין אומעט, אין פינצטערניש זיין,
טו איך דעם זילבערנעם האַלדזבאַנד זיך אָן,
צו שיצן דאָס האַרץ פאַרן צער וואָס קומט אָן —
האָב איך עס געטאָן...

א חלום

אַזוי שטיל ביסט געקומען צו מיר,
מיט שמייכל, צאַרט ווי אַ בלום.
לייכט האָסט געעפנט די טיר,
דיין מויל האָט געשמייכלט: איך קום.
איז לייכט מיר געוואָרן אַזוי,
און ענג מיר געוואָרן אַזוי,
נאָר דו האָסט מיט לייכטן באַריר,
פאַרלאָשן מיין פריידיקן געשריי:

שטילער מיין ליבער, נישט שטער איצט די שטיל,
ס'איז צער אַזויפיל און פרייד אַזויפיל,
אין יעטוועדן טאָן, אין יעטוועדן קלאַנג,
אין הייסן געוויין און אין העלן געזאַנג,
איז שטילער, מיין ליבער, נישט שטער איצט די שטיל,
אַמלויטערסטן איז די פאַרטאָגיקע שפּיל...

ווערט לייכט מיר אַזוי, ווערט ענג מיר אַזוי,
אַ פלעמל בליצט אויף — מיין פאַרלאָשן געשריי,
דער גאָלדערנער פענצטער באַגיסט מיך מיט שיין,
איך לויף צו דער טיר ווו דו ביסט אַריין,
און כ'שטאַמל אַ וואָרט פול מיט ליכט און מיט שיין:
מיין...

די זון אויפן פענצטער ס׳קעצעלע וואַשט,
מיט אויגלעך צעשראָקענע פון מיינע ליפן זי נאַשט
דעם שמייכל, וואָס רוט מיט מיר אינעם בעט,
איר ציטעריק נעזל בלייבט איבערראַשט:
פּאַסט עס צו ריידן פון שלאָף אַ פּאָעט?...

באלאדע װעגן דעם מײדל, דעם דיכטער און גאָלדענעם שטויב

פון דרום יאָגט אָן אַ גליאיקער װינט
און טוט זיך צום הימל אַ הויב,
שטײט זי אין פעלד — אַ צעשראָקענער אינד,
פאַרװעבט אין אַ גאָלדערנעם שטויב:

דער הימל איז בלוי װי אומעטום בלוי,
דער שטויב איז גרוי, װי אומעטום גרוי,
איז װאָס האָט דעם דיכטער זיך פלוצלונג פאַרװאָלט,
דער שטויב זאָל נישט גרוי זײן, נאָר דוקא פון גאָלד?

איך זע שוין דעם זונאױפגאַנג ס׳צװאַנציקסטע יאָר
און באָד אין דעם קװאַל מײנע זײדענע האָר,
אַלײן אין דעם שטויב מוז איך װײטער דאָ שטײן,
און ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צוגײן.

פאַרזשמורעט די זון איר די ברװינלעכע ברעם
און האַלט איר אין זונקרײז — אין ליכטיקן קלעם,
טרינקט זי דעם זוניקן שטויב װי אַ שװאָם,
ביז דער װינט טוט אַ לאַך און אַנטלויפט שנעל קײן סדום.

פינקלט אַ טרער אין דעם מיידלשן אויג,
וואָס טויג מיר די זון, דער ווינט וואָס מיר טויג,
דאָס האָט נאָר דעם דיכטער זיך פלוצלונג פאַרוואָלט,
דער שטויב זאָל נישט גראָ זיין נאָר דווקא פון גאָלד.

ביים געזאַלצענעם ים שלאָפט פון לאַנג שוין דער ווינט,
דאָס מיידל אין בעט — אַ צעשראָקענער אינד,
אַ שטערן — אַ טרער פאַלט אויף קישן אַראָפּ,
אוי דער דיכטער, דער ממזר, אַ געזונט אויף זיין קאָפּ...

שענק מיר דיין בילד...

ווען דו וועסט מיט מיר שוין נישט זיין,
אַ ווייטע, פֿאַרלאָרענע שיין,
וועל איך אים מיט זילבערנע שטריק,
פֿאַרפֿלעכטן אַזוי צו מיין האַרץ,
צו מיין בליק...

וועט א זון זיך צעלויכטן אין מיר,
ווי ווען כ'בין געוועזן מיט דיר,
און פון דיינע לויטערע אויגן,
האָב איך זוניקן גלי
געזויגן...

אַן אָנדענק פון זילבערנעם קלאַנג,
פון דיין ריידן — מעלאָדיש געזאַנג,
ווען דו האָסט מיט צאַרטן וויבריר,
געשפילט אויף מיין נאַכטיקן אומעט
קלאַוויר...

ווען דו וועסט מיט מיר שוין נישט זיין,
אַ ווייטע פאַרלאָרענע שיין,
וועל איך אים מיט זילבערנע שטריק,
פאַרפלעכטן אַזוי צו מיין האַרץ
צו מיין בליק...

צו מיין האַרץ...

דו זעסט נישט דעם שניי אויף מיין קאָפּ,
און פילסט נישט מיין לאַסט פון די יאָרן,
מיין לעבן פון באַרג גייט אַראָפּ,
מיין יוגנט פאַרשטעלט אונטער שטאָרן.

מיין בליק זעט דעם הארבסט שוין אין גאַנג
און די עלטער די פרייד האָט פאַרלאָשן,
נאָר דיר טוט דאָס אַלץ אַזוי באַנג,
פון לשונות מיט איידלסטן לשון —

דו רעדסט צו מיר גליאיקע רייד
פון פרייד וואָס וועט צו מיר קומען,
דו צינדסט אָן דיין פלעמל פון פרייד,
און שפּרייטסט מיר אויף גאַנג מיינעם בלומען.

אָ האַרץ מיינס, אַ דאַנק דיר דערפאַר,
וואָס ייִנגער דו ביסט פון מיין לעבן,
און פירסט מיר מיט שיין, ווי אישטאַר,
מיט שטראַלן מיין ווייַ קאָנסט פאַרוועבן...

געוועז איז א חתונה...

דאָס חופּה־קלייד ווייס ווי געפאַלענער שניי,
די רגעס זיי קייטלען די צייט אין פאַרגיי,
דער חלום פאַרשווינדט, עס בלייכט זיך די וואָר,
און שיינט אויף דער כלהס טונקעלע האָר,
היי, קלעזמער, געשווינטער, די כלים מאכט גרייט,
די איידעלע פידל, די ביינערנע פלייט,
די כלה איז יונג, די כלה איז שיין,
דער חתן איז גרייט, אָט קומט ער צוגיין,
ס׳וועט זיין אַ חתונה...

שמייכלט די כלה פון טראָן־שטול אַראָפּ,
און ס׳וויגט זיך דער בליק און ס׳וויגט זיך דער קאָפּ,
אַ ליליע אַ ווייסע אויף זילבערנעם טייך,
די הענט זענען בלייך און דאָס פּנים איז בלייך,
זי ציילט מיטן האַרצן די קלעפּ פון דער צייט,
וואָס איז אַזוי נאָענט, וואָס איז אַזוי ווייט,
אָ זיצט ליבע געסט ביי דעם ליכטיקן טיש,
אָט גייט מען דערלאַנגען די חתונה־פיש,
ס׳וועט שוימען די פרייד, ס׳וועט שוימען דער וויין,
אָט פירט מען דעם חתן צו חופּה אַריין,
ס׳וועט זיין אַ חתונה...

צעטאַנצט זיך די פידל, צעברומט זיך דער באַס,
רייסט זיך דער נגון דורך פענצטער אין גאַס,
עס ווירבלט דער טאַנץ צו אַלעמענס פרייד,
צו פרייד פון חתן, צו כלהשער פרייד
שטייט אין אַ ווינקל אַ בחור פאַרטראַכט,
און טרינקט פון אַ בעכער דעם אומעט פון נאַכט,
צי איז עס באַשערט און צי איז עס באַגערט,
דאָס גליק זאָל אויף אייביק מיר בלייבן פאַרווערט?
זי האָט דאָך מיר ליבע געשווירן אַמאָל,
און איצט, זי פאַרלייקנט איר אייגענעם קול,
ס'וועט זיין אַ חתונה?...

וואָס געהערט צו דעם טרויער צו פרייד נישט געהערט,
ער גייט, און עס קלאָגט אונטער טריט אים די ערד,
דאָס חופה־קלייד לייכט ווי געפאַלענער שניי,
און אים זי פאַרוויקלט אין פראָסטיקן וויי,
ציטערט ביי כלה די טונקעלע ברעם,
עס האָט איר געפאַנגען זיין בליק אין אַ קלעם,
היי, חברטעס טייערע! קומט שנעל אַהער,
עס זילבערט אין אויג פון דער כלה אַ טרער,
ווי קומט אַ געוויין אין לויטערער פרייד?
מען פירט שוין די חופה און אלץ איז שוין גרייט —
ס'וועט זיין אַ חתונה...

שלייכט זיך דער בחור אַרויס אויף דער גאַס,
ס׳איז טרוקן דאָס האַרץ און דער טרויער איז בלאַס,
עס וויינט אינעם פינצטערן דרויסן אַ קינד,
אַן אומעטיקס שפּילט מיט געיאָמער דער ווינט,
די ליבע געשטאָרבן, אַוועק פון דער וועלט,
די כלה פאַרבייט זי אויף צירונג און געלט,
שטיל בלייבט די פידל, פאַרשטומט איז דער פלייט,
עס מאַכט צום געלעגער די כלה זיך גרייט,
געוועזן איז אַ חתונה...

אַסאַרדו

אין טאָג ווען וועסט אָנטאָן דיין זילבערנע קלייד,
איך לייג דיר צופוסנס מיין לעצט ביסל פרייד.

עס זאָל אין דיין שמחה, ווי לויטערער ווייַן,
קיין שפּור פון קיין אומעט, קיין טרויער נישט זייַן.

כ׳וועל נעמען דעם טרויער אַרויף אויף מיין קאַרק,
און טראָגן אים רואיק אויף יענער זייט באַרג.

פון הינטער זכרון, פון הינטער געדענקען,
דו זאָלסט נישט געדענקען, דו זאָלסט מער נישט בענקען.

און לויטער וועט בלייבן דיין כלהשע פרייד,
ווי לויטער ס׳וועט זיין ביי דיין חופה דאָס קלייד.

און טרערן פון פרייד וועט מיר לייכטן אין אויג,
ווען אונטער דער משא שטיין כ׳וועל פאַרבויגט.

און פילן מיט שטאָלץ: איך בין שטאַרק גענוג,
צו טרינקען ביז סוף דעם סם פון דעם קרוג.

אויסטרינקען אַלץ, ס׳זאָל נישט בלייבן קיין צייכן,
כדי ס׳זאָל מיין אומעט דיין פרייד נישט דערגרייכן...

כ׳וועל נעמען די וואָר אויפן קאַרק און אַוועק,
ווי ס׳גייט זיך דער בעטלער זיין בעטלערשן וועג,

דיין חלום זאָל בלייבן לויטער און ריין,
ווען זיין וועסט מיט אים און איך בלייב אַליין...

כ׳וועל נידערן אייביק צו דיר...

כ׳וועל נידערן אייביק צו דיר,
ווי אַ דורשטיקער נידערט צום ברונעם,
איך ווייס: וועסט נישט קומען צו מיר,
און איך וועל צו דיר מוזן קומען...

כ׳וועל נידערן אייביק צו דיר,
מיט האַרץ דיין האַרץ צו דערלאַנגען,
אפילו אין קאַלטן געפריר,
שטומען וועלן פאַרלאַנגען...

כ׳וועל נידערן אייביק צו דיר
אַ גאַסט אומגעריכטער־געריכטער,
צו טרינקען דעם טויט ביי דיין טיר,
פון בעכער פולן, געדיכטן.

כ׳וועל נידערן אייביק צו דיר,
מיט דיר צום שיין זיך דערהויבן
הכנעהדיק זינגען מיין שיר,
און אויסגיין אין ליבע און גלויבן...

אין א שלאָפלאָזער נאַכט...

אַ לויב דיר וואַכע, חלומלאָזע שעה,
וואָס אָפּן האַלטסט מיין אויג אין נאַכטישע יסורים.
ס'איז גוט מיר אויך אין פּיין, צו פילן איך בין דאָ,
און זען ווי העלער טאָג פון נאַכט ווערט אויסגעפורעמט.
אויסבענקען ביים שויב דעם מאָרגנדיקן בלאָ,
מיט אָנגעגליטן בליק אָפּוואַרטן זיין קומען.

ס'האָט קיינער נאָך נישט אויסגעצערט דעם צער פון בוים,
פאַרשפּונענעם אין חשכותדיקן נעפּל,
ווען אין דער נאַכט עס טרויערט שטיל זיין קרוין,
און ס'טוליען זיך צעשראָקן זיינע עפּל,
נאָר דער וואָס בלייבט אין נאַכט מיט זיך אַליין,
אין פיבער ביי דער שויב, ער זוכט זיין רעטונג.

נאָר בלייבסטו שוין אין נאַכט מיט זיך אַליין,
דעם בוים פאַר דיין אליינקייט נעם זיך פאַר א שומר,
ווייל ווי עס פיבערן אין היץ־אָנפאַל ביי דיר די ציין,
אין נאַכטשטילקייט עס פיבערן די בוימער,
באַהעפט דיין בענקשאַפט דאַן פאַר נאַכטיקן פאַרגיין,
מיט בענקשאַפט פון דעם בוים צו זונשטראַל ריינעם.

און דעמלט ווען דריקסט צו צו גלאַטן שוואַרצן שויב
דיין אָנגעגליטע ליפּ, דיין שטערן דעם צעהיצטן,
צערינט ווי אין דעם ווינט אַ לייכטער וואָלקן שטויב,
צווישן פּיין דיינעם און וועלט־פּיין די מחיצה,
און ס'שעפּטשעט דיר דער בוים: אויך אין יסורים גלויב,
אַז קומענדיקער טאָג וועט דיך פון נאַכטווייען באַשיצן...

סאפּריז...

אַ זון אין אַ לויטערן הימל, אַ בלויען,
דיין ליכטיקער גוף אין דיין ליכטיקן קלייד,
זאָג, פאַרוואָס קומען די וואָלקנס די גרויע,
פאַרוואָס נידערט ליכטיקע זון און פאַרגייט?

אַ רגע פון ליכט כ׳וואָלט וועלן פאַרשליסן
פון שמייכל פון דיינע ליכטיקע ציין,
פאַרוואָס זאָל מיין טרויער דיין שמייכל פאַרווישן?
פאַרוואָס זאָל דאָס ליכט ביי זיין אָנהייב פאַרגיין?

און איך האָב צעעפנט דאָס האַרץ אַ באַפרייטע,
צום טרינקען דאָס ליכט דורשטיק און גרייט,
זאָג, פאַרוואָס ברענגט נישט געבענטשטע פאַרשייטקייט
דיין ליכטיקן גוף מיר, אין ליכטיקן קלייד?...

אַ שומר — מיין בענקשאַפט כ׳וועל שטעלן ביים טיר דיר,
צו היטן דאָס ליכט פון דיין קלייד ביי דיין גאַנג,
אויך דאַן, ווען ס׳קומט שאָטן ביים הייסן באַריר דיר,
דיין ליכט זאָל נישט וויי טאָן, נישט טאָן זאָל עס באַנג...

ווייל אַלץ וואָס געלייטערט מיין בענקשאַפט די הייסע,
עס גאַרט צו דיין גוף אין דיין ליכטיקן קלייד,
אָ, טייערע, זאָג מיר, צי ווייסטו, צי ווייסטו,
פאַרוואָס נידערט ליכטיקע זון און פאַרגייט?...

בענקשאַפט...

די בענקשאַפט פון בלייכע קלאַווישן
צו שמאָלע, ציטריקע פינגער,
וואָס זיי נאָר, זיי קאָנען פאַרווישן
פון שטומקייט דעם וויי, מאַכן גרינגער
דאָס שטיקן אין זיך דעם נגון,
און וואַרטן ביז ס'וועט אים געבאָרן
די האַנט, וואָס קאָן פאַרוויגן
אַ וויייטיק וואָס טייעט פון יאָרן —
צי פילן די פינגער דעם ציטער
פון בלייכן קלאַוויש אין זיין בענקשאַפט,
ווען ס'ברעכט זיך זיין קלאַנג אין אַ שפליטער
און וואַרט אויף באַפרייאונג פון ענגשאַפט?...

ס'איז פעדים אַזויפיל פאַראַנען
וואָס בינדן די וויט אין אַ שייכות,
און ס'קאָן אויך טיילמאָל אַנען
דאָס ליכט, וועגן עפּעס וואָס בלייך איז,
נאָר טיף אינעם האַרץ ליגט פאַרבאָרגן
דער טרויער, דער אייביק אַליינער,
און ווערט אינעם האַרצן דערוואָרגן,
ווייל לעשן וויל אים נישט קיינער.

צי ווייסן די מיידלשע אויגן
דעם גלעט פון אייגענע בליקן,
ווי שטאָל ווערט אין פייער צעבויגן
זיי קאָנען דעם טרויער דערשטיקן?...

דעם סוד פון דער בענקשאַפט ווייסט קיינער,
פונוואַנען זיין אָנהייב, זיין סוף איז.
קאָן זיין, עס וועט פילן דאָס איינער,
וואָס ראַנגלט זיין לעבן אין ספק,
וואָס בענקט, ווי די בלייכע קלאַווישן,
צו יענע ציטריקע פינגער,
זיי זאָלן זיין טרויער פאַרווישן
און שטילן זיין ווייַ, מאַכן גרינגער,
אויך דעמלט איז ער נישט זוכה
צו אָטעמען פריי פון דער ענגשאַפט,
ווייל ס'וועבט אים אין תהומען, אין הויכן,
די אייביקע פלאַמען פון בענקשאַפט...

אויספּאַרקויף...

טאָג פאַרנעפּלטער אין וואָלקן־טיכער,
גרויער טאָג־בלאַט פון פאַרן דרוק אַרויס,
דרוק מיר אַ מודעה אָפּ, אויף דיינע שפּאַלטן
דרוק מיר אַן אַנאָנס:
אויספּאַרקויף!

די פאַרקויפערין די יונגע פון מיין לעבן
אַוועק איז, זיך באַלייגן מיט אַן אַקטיאָר.
בין איך אין קלייט געבליבן, אויף דער עלטער,
אַן אומבאַהאָלפן קינד מיט גרויע האָר.
קאָן איך נישט דעם וועג פאַרלויפן קיינעם,
אָנבאָטן אים דאָס וואָס איך פאַרמאָג,
אַז איך בין איינער. און ווי קאָן דען איינער
שטיין אין קלייט אַ גאַנצעלעבקען טאָג?
האָב איך מיר מיין לעצטע סחורה אָנגעהויפּט
און אָפּגעדרוקט אין בלאַט:
אויספּאַרקויף!

רעשטלעך! קויפט, עס קאָסט נישט טייער,
אַ שטיקל וואַרעם האַרץ — אַ דרייער!
שטראַלן עטלעכע — אַ גראָשן,

ליבע־פרייד — כמעט נאָך נישט גענאָסן,
אַ רעשטקע — גלויבן אין אַ וועלט אַ פרייער,
אַ צולייג צו דעם שטיקל האַרץ — פאַרן דרייער,
אויספאַרקויף!

קויפט מציאות! עס קאָן אייך זיכער נוצן,
איר וועט מיט דעם די נאַקעטקייט באַפּוצן!
דער קאַרגער האָט דאָך ליב מיט האַרץ צו האַנדלען,
און אין שטראַלן האָט דאָך יעדער ליב
זיין אומריינקייט פאַרוואַנדלען,
מיט ליבע וועט איר קאָנען אייער
הפקר־זנות פאַרדעקן,
ס׳ביסל גלויבן וועט אַ לעבן לאַנג אייך קלעקן...
אויספאַרקויף!

איז וואָסזשע שטייט איר? קויפט! די זון שוין נידערט,
מציאות האָבן שטענדיק אייך געפיבערט,
איר פאַרמאָגט דאָך גאָרנישט פון די זאַכן,
וועט איר פון דעם א לעבנסקלייד זיך מאַכן...
איילט זיך צו! ס׳איז ווינציק וואָס ביי מיר פאַרבליבן,
בלויז רעשטלעך, אַלץ שוין אָפּגעקליבן,
די דימענטן און שטראַלן עכטע,
מען האָט שוין לאַנג צענומען, באַצאָלט מיר מיט געלעכטער,

ראָזע פינגער האָבן האַרץ־שטיקלעך געקליבן,
ביי מיר — די שפּורן זענען נאָר פאַרבליבן...
אויספּאַרקויף!

איילט זיך! אָט קומט שוין מיין סוביעקטקע פון איר בחור,
זי איז אַ ממזר אויף אויפשרויפן די פרייזן,
זי האָט נישט איינמאָל מיט מיין ליד אויף אירע ליפּן,
זיך געהייסן גוט באַצאָלן איר געליבטן...

איך מאַך שוין צו די קלייט און איך פאַרריגל,
די טיר וועל איך מיט גליוועריפּראָסט פאַרזיגלען,
כ׳באַגלייט אייך, קונים, מיט אַ לעצט ביסל באַדויער,
און די לעצטע רעשטקע טרויער
וואָס איז מיר נאָך דעם משא מתן דאָ פאַרבליבן,
וועל איך עס שענקען א מתנה דער פאַרקויפערין דער יונגער,
צום באַנעצן דאָס געלעגער
פון אירע יונגען...

איז פידל־שפיל...

כ׳האָב אין פידל־שפיל דיין שטים דערהערט.
האָב איך געטראַכט: עס איז באַשערט,
אַ ווערעמל אין דר׳ערד אַ טראָפּן זון,
די פרייד פון ווינט — אַ ציטערדיקן בלאַט,
און אַלץ וואָס לעבט, אין לעבן אים דערוואַרט
די פרייד, וואָס האָט די ערד ווען ס׳איז געהאַט.
און איך, דער מענטש, וואָס טראָגט דיין שטים אין זיך,
ווי ס׳טראָגט אין זיך די פידל די סודות פון וואָקאַל,
פאַרוואָס זאָל איך אַרויסגיין פונעם כלל?

האָט מיך די זעאונג פריידיקע פאַרפלייצט מיט ליכט,
און אין דעם ליכט דערזען כ׳האָב אומגעריכט,
דעם בלויען טייך, פונוואַנען ס׳טויכט אַרויס דיין גוף.
און אין דעם פידל־שפיל, געשפּינט אין בלאָ,
דערזען האָב איך דעם גאָלדן־לויטער דנאָ
און האָב דערהערט דיין רוף:
ביי לעצטער שעה פון דיין פאַרגיין,
קומען כ׳וועל צו דיר צוגיין,
און פירן דיך צום בלויען טייך,
אין שויס זיינעם אין גאָלדערנעם מיר וועלן רוען גלייך...

כ'האָב דיין שטים אין פידל־שפּיל דערהערט.
און האָב געטראַכט: אויב מיר איז יאָ באַשערט
אין לעצטער שעה פון מיין פאַרגיין
קומען זאָלסטו נאָך צו מיר צוגיין,
בענטש איך פרום דעם ווערעמל אין ערד,
און יעדן וועמען פרייד איז נאָר באַשערט,
דעם פידלס יעדן איינציקן וואָקאַל,
און דאָס, וואָס איך בין אויך אַריין אין כּלל...

דערקענטעניש...

עס יאָמערט דער דיכטער פון האַרץ אַרויס טיף:
די וועלט איז אַן עלנטע, פינצטערע שיף,

וואָס שווימט, ווי פאַרשפּונען אין ימען פון פּיין,
און שווימט אין דעם ענדלאָזן טרויער אַריין.

איז ווי וועט מיין ליד איצט אַ שפּאַר טאָן פון טיף,
ווען ס'האַרץ איז אַן עלנטע, פינצטערע שיף?

פאַרטרייבט ער דעם חלום פון ליכטיקן בעט
און פליסטערט צום פענצטער פון נאַכט זיין געבעט.

נאָר דאָרטן די נאַכט ליגט פאַרכשופט, א מיף,
אין פינצטערן ים, אַ פינצטערע שיף.

פאַרוויקלט זיך נאַכט ארום דיכטעריש האַרץ,
און האַלט עס געבונדן אין נאַכטישן שוואַרץ.

נאַר פּלוצלונג צערינט ווי אַ וואַלקן די מורא,
עס ליגט שוין פאַרלאָשן די דריטע אשמורה.

אַ ליכטיקער שטראַל צינדט אָן זיך אין שויב,
און ס׳פּליסטערט דער דיכטער: איך גלויב דיך, איך גלויב...

די שיף זעט דער דיכטער ווי פריער אין ים,
נאָר הויך אויפן מאַסט פלאַמט אַ זוניקער פלאַם...

און ס׳זינגט דאָן דער דיכטער פון האַרץ אַרויס טיף:
די וועלט אין פאַרטאָג איז אַ ליכטיקע שיף...

צימבל, צימבל באַלאַלייקע...

(פֿאָלקס־מאָטיוו)

צימבל, צימבל באַלאַלייקע
וועב דעם חלום מיט דער וואָר,
כ'האָב אַ רויטע זון געפֿונען
אין מיין מיידלס ברוינע האָר.

אויפֿגעגאַנגען איז די זון נאָך
ביי איר ערשטן צאַרטן בליק,
און מיין האַרץ האָט אַ דערפֿרייטע
מיט אַ טרער באַזוימט דאָס גליק.

אויף די שליאַכן, אויף די וועגן
פֿון אַ פֿריי און גליקלעך לאַנד,
זינג איך מיט מיין מיידל לידער
האַרץ צו האַרץ און האַנט אין האַנט.

און עס פֿרייען זיך די בלומען
צירט אין בלי זיך דער פּרדס,
שפּרייט די געגנט פּאָר אונדז אויס זיך
ווי אַ היימיש־ליבע נעסט.

צימבל, צימבל באַלאַלייקע
מיש דעם חלום אויס מיט וואָר,
כ׳האָב אַ רויטע זון געפונען
אין מיין מיידלס ברוינע האָר.

אַלע וועגן זענען היימען
ווו מיין ליבע קומט צוגאַסט,
און די פרייהייט אַ באַפרייטע
יובלט פון אַ יעדער גאַס.

צימבל שטאַרקער באַלאַלייקע — — —
טרוים איז טרוים און וואָר איז וואָר,
ס׳ליגט די זון שוין אַ דערשטיקטע
אין מיין מיידלס ברוינע האָר.

נאָר אין חלום איז די ליבע
אויפגעגאַנגען מיר אין רויט,
און דער דיכטער מיט זיין ליבע
קעמפט פאַר אָרעם שטיקל ברויט.

נאָר אין חלום האָט די ליבע
אויסגעזונגען איר געבעט,

און די גליקלעכע פּרינצעסין
וואַשט אַ באַליע פרעמדן גרעט.

צימבל, צימבל באַלאַלייקע,
ברענג דעם חלום אָנשטאָט וואָר
צינד מיר אָן די זון די רויטע
אין מיין מיידלס ברוינע האָר...

ס'איז פאַראַנען אַן אומעט

ס'איז פאַראַנען אַן אומעט
אַזאַ לייכטער ווי טוי,
ער נעמט דיך אַרום
אין זיינע אָרעמס אַזוי,
און עפנט אין האַרץ
אַ באַהאַלטענע טיר,
צו ווייסטו פון וואַן
ס'קומט דער אומעט צו דיר?...

עס טרעפט אין א שטילן
פאַרנאַכט זיצסט אַליין,
און לויטער דיין בליק איז
ווי אַ קינדערש געוויין,
קומט אַן דער אומעט
און נאָגט אין דיין טיף.
דאַן שרייבסטו צו אייגענער
האַרץ דיינס אַ בריוו:

„אין ברייטע צעפלאַמטע
צעוואָרפענע שטעט,
און אין אַ צימערל קליין

שטייט מיין איינזאַם בעט,
אין ליכטיקע נעכט
ביי פֿאַרצוויגענע שטאָר,
אויף איר כ׳וועב אַ טרוים
פֿון דיינע זיידענע האָר״.

און ס׳מאָלט זיך דיר דעמלט
אַ שטעטעלע שטיל,
פֿאַרשאָטנט פֿאַרחלומט
אין טויאיקן קיל
אַ געסל באַצירטע
אין גראָזיקן גרין
אַ שטיבל צעבליט,
אין צעבליטן זשאַסמין.

ביים שטיבל אַ גאַניקל
מילד ווי אַ שויס,
אז ס׳דאַכט זיך דו קענסט נישט
אַריין און אַרויס.
נאָר לייכט דו צענעמסט
דעם זשאַסמין מיט דער האַנט
און זיצסט שוין פֿאַרשכורט
ביי בלומיקער וואַנט.

דו גלעטסט אירע האָר,
און זאָגסט נישט קיין וואָרט,
דו פילסט נישט די וואָר,
און טרוימסט בלויז פון דאָרט.
ווו ביידע וועט איר
ווי אויף פליגלען אַוועק,
מיט יענעם צעגרינטן
פעלדיקן וועג.
לאָזט פאַלן אַ וואָרט
וועגן „גרויסער וועלט"
און אויגן ווי שטערן
פינקלען צעהעלט,
זי גלעט דיר דיין שויבער
און אָטעמט מיט גלי:
איז אויך דאָרט רויט די זון
אין פאַרטאָגיקער פרי?...

אין ברייטע צעפלאָמטע
צעוואָרפענע שטעט,
און אין אַ צימערל קליין
שטייט מיין איינזאַם בעט.
נאָך הילכיקע שעהען
פון פרייד און פון מי,
מיין בעטל פאַרוויגט

מיין אומרואיקע קני.
אַזוי גייט טאָג נאָך טאָג
אַזוי גייט שעה נאָך שעה,
אַז דאַכט זיך דיין לעבן
געפונען האָסט דאָ.

נאָר ס׳טרעפט אַז אָן אומעט
אַזאַ לייכטער ווי טוי,
נעמט דיך אַרום
אין זיינע אָרעמס אַזוי
און עפנט אין האַרץ
אַ באַהאַלטענע טיר
צי ווייסטו פון וואַן
ס׳קומט דער אומעט צו דיר?...

צו דיר וואָס כ'האָב ליב געהאַט...

שטייסט אויף ווי דער נייער פאַרטאָג נאָך אַ שטורעם,
אַן שפּור פון געכטיקן ווינט און שלאַקס־רעגן,
אין נייעם דו גיסט זיך אַריין ווי אין פורעם,
באַפרייט פון זכרון — צום נייעם אַנטקעגן.

און ווען ס'וועט דיר ווערן דאָס נייע דערעסן,
וועסטו עס מאָרגן מיט נייעם פאַרבייטן,
דו ביסט דער יצור געבענטשט מיט פאַרגעסן,
און פילסט נישט דעם צייכן וואָס לאָזן די צייטן.

נאָר איך, וואָס פאַרשאָלטן כ'בין אייביק געדענקען,
עס טריקענען אַלץ נאָך ביי מיר נישט די טרערן,
ווייל גלייך מיטן טויט נאָר כ'וועל אויפהערן בענקען,
און לויכטן צו דיר ווי אין נאַכט לויכט אַ שטערן.

אפילו נישט זיין מער פאַר דיר וועט קיין פורעם
אין וועלכן זאָלסט צערטלען דיינע פאַרלאַנגען,
און זיין וועסט אַ שיפל צעטראָגן אין שטורעם,
כ'וועל רודערן אַלץ — דיין האַרץ צו דערלאַנגען.

וועסט בלייבן פאַרגאַפט, פאַרשטשעמעט אין זיקנה,
פאַר הייסן פאַרלאַנג און פאַר גליאיקן שטערבן.

און איך װעל צופֿוסנס דײַן לעבן צעפּליקטן,
לײגן מײַן טרוים — מײַן פֿאַרלאָרענעם לעבן.

װעסט דעמלט נישט קאָנען אַ טאָג מיט אַ צװײטן
דורך אײגענעם האַרץ פֿאַרבינדן אין שײַכות,
די פֿרײד איז געקומען צו דיר אַ פֿאַרגרײטע,
צום נישט אונטערשײדן װאָס העל און װאָס בלײך איז.

און דעמלט כ'װעל שענקען דיר טראָפּן באַדױער,
פֿאַר דעם װאָס קאָנסט נישט צו גאָרנישט דערגרײכן
און ליכטיק און קלאָר װעט מיר װערן מײַן טרױער,
װאָס האָט אין דײַן האַרץ נישט געלאָזן קײן צײכן...

דער אנהייב...

די ליכט צינדט אָן, פֿאַרמערט די צאָל,
און גרייט זיך שנעל צום חתן־מאָל,
די חופּה־שטאַנג איז אָנגעגרייט —
אַ רידל שוואַרץ ביי טיר שוין שטייט,
דאָס חתן־בעט עס וואַרט אויף מיר —
די טהרה־ברעט ביי אָפֿן טיר,
אויך כלי־זמר זענען דאָ אַרום —
אין טשאַטע — קראָען פֿליען קרום,
דער געשאַנק איז אויך געשענקט
אַ שערבל אויף פֿאַרמאַכטן אויג,
און דער חתן איז שוין גרייט,
צו קושן זיין געליבטער — טויט.

מאַכט אַ וואָרע אין דער ריי,
לאָזט די חתונה פֿאַרביי,
די אונטערפֿירער — נאַכט און שרעק,
רוקט זיך אָפּ און גייט אַוועק,
אין אַ שווייגן איינגעפֿרירט
ווערט דער חתן דאָ געפֿירט,
אין זיין מויל נישטאָ קיין וואָרט,
און זיין קול עס וואַרט שוין דאָרט

ווּ ער איצטער ווערט געבראַכט,
צום באַהעפטן זיך מיט נאַכט.

ליכטיק־ווייס תכריכים־קלייד,
שפּילט דאָס ליד פון שטילן טויט,
און מיט קילן פאַרמעט גלעט
ליכטיקט זי דאָס פינצטער בעט,
און דער חתן אויסגעצירט
פון קאַפּעליע ווערט געפירט,
מאַמע ערד, הללויה
איך דיין קינד, בין דאָ, בין דאָ,
פון דער וועלט געברענט, געשענדט,
טראָג איך איצטער אין די הענט,
נאָך דיין שטים און נאָך דיין רוף,
מיין געפּייניקט קאַלטן גוף.

פאַרשפּעטיקטע צום מאָלצייט, געסט,
שעמט זיך נישט, קומט נענטער, עסט,
סאיז געבליבן דאָ נאָך שפּייז,
נעמט און פליקט און בייסט און רייסט,
פאַרן פייגעלע אַ טרונק
געבליבן איז מיין טרער אַ שלונג,
און דו זשעדנע, כיטרע מויז,
נעם און רייס דאָס האַרץ אַרויס,

קיינעם איצט דאָס נישט געהערט,
אָן דעם נעמט מיך אויך די ערד,
אין לייב עס קילט שוין אָפּ דאָס בלוט,
טרינק עס, שלאַנג, ס׳איז גוט, ס׳איז גוט,
האָסט נאָך קיינמאָל מן הסתם
נישט געזען אַזאַ מין סם,
נעמט זיך אַלץ און נעמט אַליין,
צו מיין כלה לאָזט מיך גיין.

בדחן — וואָיענדיקער ווינט,
שלעפער איין די געסט אַצינד,
בעט זיי איבער, זאָג זיי אַלע,
ס׳בענקט דער חתן צו זיין כלה,
ער איז שוין מיד פון וואַרטן לאַנג
אויף דעם לעצט געגאַרטן גאַנג,
עס בעט דער חתן זיך, ער בעט,
פירן אים צו כלה־בעט,
מיט אַ גליווער אויפן ליפּ,
אַזוי ווי כלה־ערד האָט ליב.

קאַרשן־בוים און עפּלבוים,
צוואָס דער טרויער, דער געוויין,
צי איז ווען געהערט אַמאָל,
ווייגען גאָר אויף חתן מאָל?

ס׳איז דאָך גוט און ס׳איז דאָך שיין,
ווען דער חתן קומט צוגיין,
און באַהעפט זיין שטאַרן לייב
מיטן לייב פון קאַלטן ווייב,
אויף דויער פון א אייביק־לאַנג,
אָן דעם צער און אָן דעם באַנג
וואָס עס ווערט מיט שמוץ פאַרשטערט
אויף דער זינדיק־שיינער ערד...

חופה־שטאַנג — פאַרזשאַווערט רידל
שפּיל אויף גוף מיר ווי אויף פידל,
הער דעם לעצטן מיין געבעט —
דעק מיך מיטן איבערבעט,
ס׳האָט א זון־שטראַל דאָ פאַרנויגט
און עס שטעכט פאַרמאַכטן אויג,
נאָך אַ שאָט און נאָך אַ רידל
פידל, פידל, פידל,
און עס שלאָפט מיין גליוווער־לייב,
אין די אָרעמס פון מיין ווייב...

אַ בלימעלע אַ בלויאינסן

(פאָלקס־מאָטיוו)

אַ בלימעלע אַ בלויאינקן האָב איך אין שטוב ביי מיר,
איז ער שטענדיק אַזוי העל, איז ער שטענדיק פריש,
אין אַ גלאָז וואַסער קלאָרינקע, באַזוימט מיט ראָז פּאַפּיר,
לעבט זיך שטיל מיין בלימעלע אויף מיין קליינעם טיש.

טרעפט אַמאָל און מיין געליבטע קומט צוגיין צו מיר,
זענען אירע אויגן ווי דער בלימל אַזוי בלוי,
פאַרהאַלט איך דער געליבטער מיינער אויפן שוועל פון טיר:
צי טרינקען דיינע אויגן נישט פון בלימעלע דעם טוי?

לאַכט זי און זי זאָגט צו מיר: לאָז אַ קוק טאָן נאָר
דעם בלימעלע דעם בלואינקן וואָס שטייט דאָ אויפן טיש,
זענען מיינע אויגן ווי דער בלימל אַזוי בלוי,
און דער גלאַנץ אויף זיי איז פונקט ווי אויפן בלימל פריש?

קוקט זי אויפן בלימעלע, דאָס בלימל קוקט אויף איר,
און איך שטיי אַ פאַרלוירענער און ווייס נישט וואָס איך טו,
כ׳באַריר דעם בלימל, מיין איך, מיין געליבטערס אויג כ׳באַריר,
כ׳קוש די אויגן אירע, מיין איך אַז איך קוש די בלום...

היי, צאַרטע בלויע בלימעלעך, היי קלאָרע בלויע אויגן,
אירביידע זייט מיר אַזוי ליב און ביידע זייט איר פריש,
נאָר גוט איז מיר ווען כ׳קאָן דעם בלוי פון אויג געליבטערס זויגן,
און מיין בלויער בלימעלע זאָל שמייכלען אויפן טיש...

פון קוואל

משה אין מדבר

דראַמאַטישע פּאָעמע

משה גייט ארויף אויפן באַרג צו הערן גאָטס וואָרט וועגן סוף פון זיינע טעג.

ביים שטאָלצן שיין פון קילע שטערן איבער מדבר באַרג,
איך קום צום לעצטן מאָל ד י ך זען פאַר מיין פאַרלעשן,
באַלאָדן מיט מיין בענקשאַפט ווי מיט משא אויפן קאַרק,
פערציק יאָר האָט מיך דער שיין דיינער געשטאַרקט,
און אין דיין ליכט האָבן געשיינט מיינע מעת־לעתן.
אָ זאָג, צי קאָן נאָך אויפבליצן ביי מיר א טרער,
וואָס זאָל זיך אין דעם ליכט דיינעם צעפינקלען,
ביי מיין צעפלאַמטן האַרץ פאַר דיר איך שווער,
אין ליבע־גאַר צו דיר עס איז מיר שווער,
אין פאַרשטויסנקייט פון דיר צו זינקען.
פאַר וועמען ביסט געווען אַן אינו־נראהדיקער פלאַם,
און איך — אין ליכט פון עמוד־אש דיינעם איך בין אריבער,
איבער יעדער שטרויכלונג, יעדן צאַם,
און מיטגעפירט מיט זיך די ששים רבוא
און ער — דער ששים רבואדיקער יש,
געווען איז די בריק, דורך וועלכע כ׳בין דערגאַנגען,
צו דיר, אָ גרויסע ליכט, דו פייערדיקער נס,
און אויסגעפלאַמט פאַר דיר מיינע פאַרלאַנגען.

איך שטיי פאַר דיר אין טרערן ברענענדיקן צער,
און יאָמער אויס פאַר דיר מיין לעצטע לעצטע תפילה
צינד אָן דיין עמוד ענן אין א פייער פלאַם, אַ האַר,
פאַרצער אין אים מיין ליבע, ביי דעם שטערן שיין דעם קילן.

עד:

אין טויזנטער ליכט כ'בין דערשינען פאַר דיר,
דורך זיי האָסט געטראָגן פאַר פאָלק מיין געבאָט,
נאָר דו, צוליב נאָנטקייט פון מיינעם באַריר.
דו האָסט נישט דערזען, אַז איך בין נאָר אַ גאָט...

דיין האַרץ האָסט צעעפנט פאַר שטראַל פון מיין ליכט,
אין ליבע צו מיר האָסט געשטרעקט דיינע הענט,
מיין ליכט נאָר פאַרבלענדט און פאַרברענט אומגעריכט,
אַליין וועט עס קיינמאָל נישט ווערן פאַרברענט...

משה:

אַ פערציק יאָר פון זיסן ליבע־פיין,
אַ דור אַ גאַנצן אין יסודימדיקער בענקשאַפט,
האָב איך געגלוסט צו דיר. און אין דיין שיין,
האָב איך געגאַרט אַ קליינער פלאַם צו זיין,
און לויכטן פריי אין דיינער ליכטיק־ברייטער ענגשאַפט.
פאַרוואָס האָסטו ביים שוועל פון מיין פאַרגיין,

דיין פלאַם פאַרמשכנט צו די קאַלטע שטערן,
און זאָגסט, אז אויך מיט דיר איך בין געווען אַליין
ווייל דו קאָנסט פון קיין פלאַם נישט אָנגעצונדן ווערן...
האָט מיר אין האַרצן נאָר אריינגעלאַכט די זון,
וואָס דו האָסט איר צעפלאַמט, דיין גלייכגילט צו פאַרהוילן,
און איך, אין הייסן גלי האָב נישט געוווּסט דערפון,
אַז נישט קיין ליבע איז דיין הייסע זון,
נאָר פון דיין גלייכגילט אָנגעשפּיצטע קוילן!
פאַרגיב, אָ גאָט... איך זע, ביסט נאָר אַ גאָט,
און קאָנסט מיין האַרץ אויף דיינע הענט נישט נעמען,
ווייל ס׳קאָן אַ גאָט צום קנעכט זיינעם באַפעלן זיין געבאָט,
נאָר האָט קיין האַרץ נישט אויף אַ האַרץ־ציטער באַנעמען.

(ווייגט)

איך שעם פאַר מיינע טרערן זיך אַצינד,
פאַר ציטער פון מיין האַרץ ווען איך פלעג פליסטערן דיין שם הוויה,
האָסט נישט געבאָרן מיך פון אונטער האַרץ דיינס ווי אַ קינד,
נאָר מיך באַשאַפן, ווי מען באַשאַפט זיך אַ כלי־זין...
כ׳פאַרלעש פון שטערן מיינעם דיין שטראַליק־פאַלשע ליכט,
און אויסלעשן איך וועל ביי מיר אין האַרץ די פלאַמען,
דו ביסט אַ גאָט און קאָנסט דיין קנעכט פאַרברענען אומגעריכט,
זאָל אויך מיין חלום מיט מיר ברענען דאָ צוזאַמען...

ע ר:

דו טראָגסט ווי אַ פורעם דיין חלום אין זיך,
דעם חלום מען קאָן נישט פאַרדאַרבן,
דער פורעם צעברעכט זיך, דער חלום בין איך,
און דיר איז פאַרצייכנט צו שטאַרבן...

מ ש ה:

צעברעכט זיך דער פורעם רינט דער חלום אויך אויס,
ווער וועט אים דערהויבן צום שיין פון דער זון?...

ע ר:

בן־נון...

מ ש ה:

האָסט ווי אַ גאָט אויך דאָס דערזען?!...
ווען כ'האָב אין בענקשאַפט צו דיין שטראל געגעבנט,
האָסטו מיך מיט דיין ליבע אָנגעטרונקען,
מיט ליכט דיינעם איך האָב געשטילט דעם דאָרשט פון גומען,
און וויי! עס האָט דיין בליק אין דעם מאָמענט,
געזען נישט מיך, נאָר דעם וואָס נ אָ ך מ י ר וועט ער קומען!...

זאָל זיין!
נעם צו פון מיר דיין קאַלטן גליוועד־שיין,
מיין קליינער פלאַם פון הארץ איז ריינער פון דיין פלאַקערן!
איך וועל פאַר אים אַליין דער שומר זיין,
און מיט מיין בריענדיקע טרער איך וועל דעם מדבר־זאַמד צעאַקערן,
און זאָלן ששים רבוא זיך אָנטרינקען מיט וויין,
מיט וואָס מיין טרער פון מיר ווערט איצט געבענטשט,
און דורות וועלן וויסן: איבער געטלעך־קאַלטן שיין
עס האָט געזיגט דאָס שטאָלצע האַרץ פון מענטש!

די סבה פון דער ליבע
איז אין מיר,
דער שטאָלץ פון מיינע ליידן
איז אין מיר,
דאָס ליכט פון העלן חלום
איז אין מיר,
די פינצטערניש פון תהומען
איז אין מיר.

אליין באַשאַף איך וועלטן
און צעשטער,
אַליין צעפלאַם איך גליאיקסטן

באַגער,
אַליין באַזונדיק איך מיין
זוניק־העלן גאַנג,
אליין איך ברי אין
שויס מיינעם די שלאַנג.

און דו ביסט אָפּגלאַנץ בלויז
פון מיין צעפּלאַמטן האַרץ,
איך לעש די אויגן אויס
ווערסטו אויך שוואַרץ,
דו ביסט דער בת־קול פון
מיין דונערדיקער שטים,
ווערט שטים פאַרשטומט
ווערט ווידערקול אויך שטום.

מיין ליבע האָב איך
אויסגעטרוימט אַליין,
און מיינע איז די פרייד
און דער געוויין,
דו ביסט דער דומם מיט זיין
קראנקן חוש
און נאָר מיין דמיון
קליידט דיך אין לבוש.

דיין נאַרנדיקער ליכט
איז נישט פּאַראַט,
ווייל קיינמאָל האָט ער נישט
קיין ליבע־פלאַם געהאַט,
פאַר מיר ביסטו נאָר איצט
דער שטרענגער דיין,
און אָן מיר װערסטו
אויסגעהוילטער אַ ! ן...

(פאַלט, קאָרטשעט זיך אין ווייטיק פון גסיסה)

ע ר :

איך וועל נידערן איבער דיר אויפן באַרג,
אין מיין שויס ווערסט פאַרשלאָפן אויף אייביק.

מ ש ה :

דאָס האַרצלאָזע קאָן נישט פאַרוויגן אַ האַרץ
וואָס איז אין דיין ליכט מער נישט גלויביק...

ע ר :

ווי אויפן סיני, ווען כ'האָב דיך געקושט
דו זאָלסט צו מיין הויכקייט דערשוועבן,

וועל איך אויך איצט, מיט א קוש פון מיין שיין
באַפרייען דיין יאושדיק לעבן.

משה:

(שטייט אויף)

אַ קוש פון טויט, פון גלייכגילטיקן סם
פאַר מיין באַגער נאָך דביקותן פון ליבע? — — — —
כ׳וועל בעסער שוין אליין אריבערשפּאַנען אָט די צאַם
און אויסגיין אין מיין אייגן־אָנגעצונדן פלאַם,
ווי כ׳האָב מיט אים דעם ים־סוף אויסגעטריקנט און אַריבער!
מיין ווי וועל איך פאַרטרויען דעם מדבר־הייסן זאַמד,
און מיין געשריי צעטראָגן וועלן ווינטן,
אַ הימל, ערד און שטורעמדיקער ים,
ווו וועל איך איצט מיין בענקנדיקן האַרץ אַהינטאָן!!

(שטאַרבט)

ער:

דיין לעצטן געשריי מיט מיין אָטעם כ׳פאַרברען,
דיין פלאַם כ׳וועל אויף אייביק דערשטיקן,
און ס׳וועלן דערציילן די שטערן: ס׳געווען
אַ מיתה א לייכטע, בנשיקה...

אמנון

(טראַגעדיע)

כי גדולה השנאה אשר שנאה
מאהבה אשר אהבה..."

בילד 1

ירושלים. ערב חג האסיף. די יוגנט גרייט זיך צו אַ פּאַר־ווײלונג. פאַרן הויז פון פּרינץ אמנון שטעלט זיך אָפּ זיין ברודער אבשלום מיט זיינע דינער. די זון נויגט פּאַמעלעך צו מערב. די היץ פון סוף־זומערדיקן טאָג טרעט ביסלעכווייז אָפּ מיטן צופאַלענדיקן אָוונט. קרומע זון־שטראַלן פאַלן אויף די טורעמס פון שטאָט מיט אַ גאָלדיקן גלאַנץ.

אבשלום:

די זון דערנענטערט זיך צו מערב־זייט,
דער אָוונט קומט מיט זיינע שמעקנדיקע שאָטנס,
געוויס איז שוין דער פּרינץ אמנון אויפגעשטאַנען
פון זיין מיטאָג־רו, אַן אויסגערוטער
גרייט מיט אונדז צום טאַנץ־פּלאַץ גיין,
מיט די טעכטער שענסטע פון ירושלים.

ערשטער דינער:

ווי וואונדערלעך עס ציטערן די האַרפע־סטרונעס
אין די הענט פון גאָט־געבענטשטן אמנון!

ביים ערשטן נאָר באַריר פון האַנט
עס קוילערט זיך דער קלאַנג דער זיסער
ביז די בערג פון ירושלים.
די טעכטער ציען אויס די הענט צו אים
אין גאַר. ער זאָל אין לויף זיי כאַפּן און זיי נעמען.
און ער — זיין קאָפּ, אַ שוואַרצע מדבר־קראָ
פאַרבויגן האַלט צום הימל אָפענעם, באַשטערנטן
און כשופט קלאַנגען אויס פול מיט צער און בענקשאַפט.

אבשלום:

ס׳איז יעדערן זיין גורל אויף דער ערד באַשערט
און קיינער קאָן זיך נישט פון אים באַפרייען.
די אויגן פון אמנון זענען געווענדט
צום שיין פון זון פון גילדערנער, ביי איר
פאַרגיין און אויפגיין.
דער שאַל פון קריג פון העלדישער עס איז אים פרעמד
און אין זיין האַרץ איז אויסגעברענט
די תאווה פון באַצווינגער.
דאָס ליד פון אונדזער פאָטער, קעניג דוד,
האָט אין זיין בלוט ארייגעגאָסן זיך אויף אייביק.

(די זון זעצט זיך נידעריקער)

צווייטער דינער:

דער טאָג, אַ מידער נויגט זיך שוין צום בעט
פון שטילער נאַכט, וואָס קומט מיט אירע שאָטנס.
דערלויב אונדז, אבשלום, דעם פרינץ אמנון
צו גיין פאַרבעטן אויף דער ווייך און וויב־פאַרווײַלונג.

אבשלום:

זאָל זיין ווי ס׳איז די רייד דיינע אַצינד,
אפילו אונדזערע די פערד מיט אומגעדולד זיי שפּאַרן.

צווייטער דינער:

(אָפּ אין דער זייט פון אמנונס געצעלט. אבשלום און די איבעריקע אָפּ. 2־טער דינער קומט צוריק)

כ׳האָב זיין געשטאַלט פאַרחלומטע געזען
און האָב געבראַכט פאַר אים בקשה דיינע, אבשלום.
אַ בלאַסער שמייכל שפּילט אין ווינקל פון זיין מויל
און ווי דער מדבר־זאַמד צעאַקערט איז זיין שטערן.
ס׳איז נישט געזונט דער ברורעד דיינער, פרינץ אבשלום,
אויב שענסטע טעכטער ירושלימס ברענגען קאָנען נישט
אויף זיין געזיכט קיין פרייד.

אבשלום:

אַליין כ׳וועל פּרוּוון בעטן אים צו גיין
ער זאָל די שׂמחה אונדזערע באַשיינען מיט זיין האַרפע.

(גייט אין דער ריכטונג צום געצעלט פון אמנון. אמנון קומט אים אַן אַנטקעגן)

אבשלום:

זיי געגריסט, ברודער מיינער, פּרינץ אמנון!

אמנון:

געבענטש זיי ביי מיין שוועל,
ברודער מיינער, פּרינץ אבשלום.

אבשלום:

די קעניגלעכע ריטער פון אונדזער פאָטערס הויז,
און דיין ברודער אבשלום
פאַרבעטן זענען דיך געקומען צום יום־טוב־טאַנץ
מיט די טעכטער שענסטע ירושלימס.

אמנון:

מיין האַרפע האָט פאַרגעסן שוין פון לאַנג
דעם קלאַנג דעם פריילעכן וואָס באַגלייט געלעכטער.

ס׳האָט די בענקשאַפט מיר פאַרשטיקט אַ יעדן קלאַנג
וואָס פריילעך מאַכט און פאַרוויילט די טעכטער.
צי קאָן דען קומען אין אַ הויז פון העלער פרייד
אַ מענטש, וואָס אין זיין האַרץ דער טרויער האָט געגעכטיקט?
עס ווערט די פרייד דעמלט מיט גיפט זיינעם פאַרסמט
און ס׳ווערט דער שמייכל גליקלעכער מיט טרויער דורכגעשטאָכן.
אַ גייט, איר פריינט מיינע, צום טאַנץ אָן מיר אַצינד,
די אָרעמס מיידלשע זיי ציען זיך צו אייך אַנטקעגן
און איך — מיט בענקשאַפט מייגער טיילן וועל איך מיין געלעגער.

אבשלום:

ווען ס׳קומט דער גבור פונעם שלאַכט,
אַ מידער פון דעם שטויב און פון מלחמה,
צוריק זיין פרייד געפינט ער אינעם בעכער וויין
און אין די יונגע בריסטן פון זיין כלה.
אַ ברודער אמנון! די שווערד אָן היילונג וואָלט געווען פאַר דיר,
אָן אויפגעברויזטע פרייד דער מלחמה־פאַנצער!
די לידער דיינע פול געווען וואָלטן מיט מוט,
ווען זיי באַזינגען וואָלטן זיגן פון חיילות.
און דעמלט, אַ דערפרישטער פון שונאס בלוט אויף שווערד,
געטרונקען וואָלסטו דורשטיק דעם וויין וואָס איז פאַר דיר געגעבן,
די טעכטער פלעכטן וואָלטן דאַן אַ קראַנץ פאַר דיר,
אַ פאַרשכורטער, דו וואָלסט דיין רו אויף זייער ברוסט געפונען.

אמנון:

עס טונקען שוין די שטערן זיך אין גרינעם ליכט,
עס וואַרטן יונגפרויען אויף טריט פון די גבורים,
אָ ברודער אבשלום, אָ פריינט, איך גריס אייך אויפן וועג
צו פריידיקן גענוס און זאַרגלאָזער פאַרווייַלונג
און מיך לאָז איבער דאָ אַליין
אין אָרעמס פון דער נאַכט, די בענקשאַפט מיינע שטילן.

(אלע אָפּ. אמנון זעצט זיך פאַרן געצעלט, זינגט באַגלייטנדיק אויף דער האַרפע:)

ווען דו וואָלסט צו מיר געקומען
וואָלט די נאכט געוואָרן העל,
טויזנט ליכט פון טויזנט זונען
קומען וואָלטן צו מיין שוועל.

דיינע אויגן ווי די שטערן
באַלויכטן וואָלטן מיר מיין וועג,
אַן אָדלער יונגער וואָלט איך ווערן
פליען כ'וואָלט מיט דיר אַוועק —

צו דעם באַרג־שפּיץ פון לבנון
דאָרט מיין ליבע שענקען דיר,

װען װאָלסט קומען צו מיר קאָנען,
שטיל אַ קלאַפּ טאָן אין מײַן טיר.

װען דו װאָלסט צו מיר געקומען
װאָלט די נאַכט געװאָרן העל,
טױזנט ליכט פון טױזנט זונען
קומען װאָלטן צו מײַן שװעל.

(בלײַבט זיצן שטיל. נאָר זײַנע פינגער פירן לאַנגזאַם איבער
דער האַרפּע)

אַלגעמײנע טונקלקײט. פאַרשידענע קולות פון נאַכט־פײגל
הערן זיך פון דער װײַט. שאַרפער אױסדרוק פון אַ הײסער
זומערנאַכט פול מיט בענקשאַפט און פאַרלאַנגען.

קדשה:

(פונדערװײַטנס הערט מען איר געזאַנג. װעלכער דערנענ־
טערט זיך װאָס אַמאָל מער. אמנון בלײַבט זיצן פאַרגליװערט
אין זײַן פריערדיקער פּאָזע. װען זי קומט אָן און באַמערקט
אמנונען, לאָזט זי זיך אין טאַנץ, פון אָנהײב געלאַסן, דער־
נאָך אַלץ מער מיט עקסטאַז און עקזאַלטאַציע, ביז זי בלײַבט
אין האַלב־װאַנזיניקן צושטאַנד ליגן בײַ אמנונס פיס)

אמנון:

װער ביסטו פרױ אין דורכזיכטיקע קלײדער,
װאָס ברענגסטו מיט דעם טאַנץ דײַנעם פאַרשײטן?

קדשה :

מיין קלייד איז דורכגעזאַפּט מיט בשמים פון גלעד,
די ברוסטן מיינע צאַפּלדיקע ווי די שאָף פון עין־גדי,
ווי אַ מילגרוים איז מיין בויך רונדיק־גלאַט,
און אין מיין שויס דו קאָנסט דיין ליבע־פלאַם פאַרשטילן.

(נעמט אים אַרום)

אמנון :

(באפרייט זיך פון איר)

אָ נישט באַריר מיך פרוי, וואָס דו ביסט
אַלעמענס און קיינעמס נישט.
דיין קוואַל איז אויסגעטריקנט אין פייער פון דער תאווה,
וואָס מענער פיל האָבן געשטילט אָן דיין מינדסטן מיטגעפיל.
דיין האַרץ איז אָפּגעטויט פון לאַנג שוין
ווי דער דומם, וועלכער גלייכגילטיק ער איז
צו דעם, וואָס זיין זריעה עס קומט אין אים פאַרזייען...
אָ נישט צו לייב דיינעם באגער איך
און נישט צו גוף אַן אַנדערן אַזאַ ווי דיינער.
מיין האַרץ איז פול מיט קלאַנגען מוזיקאַלישע
אין בענקשאַפּט אייביקער זיי גאַרן זיך באַגעגענען
אין אַ הייסן ליבעס־ליד מיט דער געליבטער.

אין דיין גוף מיין ליד וועט בלייבן אַ פֿאַרשטיקטער
באַריר מיך נישט און גיי אַוועק פֿון מיר!

קדשה:

(לאַכט)

כאַ־כאַ־כאַ... א טרוים אַ נישט פֿאַרווירקלעכטער,
אַ דמיון אַ פֿאַרנאַרנדיקער איז די ליבע דיינע.
די נעכט די לויטערע, די שטערן לאַקנדיקע,
זיי ברענגען פֿאַלשע קלאַנגען דיר. וועגן ליבע
וואָס דאַרף פֿאַרוואַנדלען זיך אין אַ געזאַנג צו כלומרשט.
ביי מיר דער סוד פֿון ליבע איז, ביי מיר נאָר
די שטילקייט וואָס עס קומט פֿון נאָך־גענוס
אין שויס אין יאַדערדיקן מיינעם.
די העלדן נאָך דער שלאַכט דער שווערער
די קעניגלעכע דינער אויף פֿאַרוויילונג
זייער פֿרייד געפֿינען נאָר צווישן מיינע ברוסטן
און אויך די יונגע דיכטער די פֿאַרחלומטע
זיי וועלן נאָך אַ טרייסט אין גוף מיינעם געפֿינען...

אמנון:

דיין אָטעם ברײט מיט לעסטערונג און פֿרעכקייט
און ס׳איז ביי מיר אין האַרץ קיין אָרט פֿאַר דעם פֿאַראַנען,
גיי פֿונדאַנען!

קדשה:

פון אַלעמען אַן אָפּגעגאַרטער
קומען וועסט צו מיר און מיך באַמאַגען...
כא כא כא...

(אָפּ)

(אמנון בלייבט זיצן אַן אויפגעבראַכטער. פויזע. עס קומט אַן זיין פריינט יונדב, זעצט זיך נעבן אים)

אמנון:

ווי שטיל דאָ איז אַצינד, פריינט יונדב,
מען הערט דאָס קלאַפּן פון דעם האַרץ דעם אייגענעם.

יונדב:

די שטילקייט אין אונדז זי נאָר געפינט זיך
און נאָר אין אונדז זי איז געוועגדט.

אמנון:

ס'פאַרמאָגט דער שטורעם אויך אַ שטילקייט,
וואָס ווערט פאַרטויבט פון הילכיקן געקנאַל.
ווען אין דיין האַרץ עס שטורעמט אויף די בענקשאַפט

און דער ווייטיק שרייט אַרויס מיט קולי קולות
ליגט די שטילקייט אַ געפּאַנגענע אין האַרצן
און פאַרגייט זיך שטום אין אַ געיאָמער.
און דעמלט ווײנט די ליבע די באַגערטע
אין נעכט אין הייסע אויפן אײנזאַמען געלעגער,
און די בענקשאַפט צו דעם האַלדז דערגייט זי
און שטיקט, און ווערט דערשטיקט אין פלאַם אין אייגענעם.

יונדב:

אַ פריינט מיינער, פּרינץ אמנון,
ס'איז וויל באַקאַנט די שיינקייטן פון ליבע
פאַר דעם וואָס קאָן מיט פולן האַרץ געניסן
פון קוואַל אירן, וואָס קיינמאָל ווערט נישט
אויסגעטריקנט, אין יוגנטלעכע הערצער.
ס'איז דער אָנהייב אירער — בענקשאַפט און באַגער
נאָך דעם חלום וואָס איז נאָך נישט געוואָרן וואָר...
און נאָכדעם קומט די רואיקייט פון נאָך־געניוס
און בלייבסט אליין דערשטוינט, פאַרוואונדערט,
פאַר דעם ברויז פון פריערדיקער בענקשאַפט דיינער...

אמנון:

פאַראַן אַ סוד אַזאַ וואָס קיינמאָל קאָנסט אים נישט אַנטפּלעקן,
כאָטש מיט אים דו יאָרנסט אויס דיין לעבן.

יעדן טאָג דו בלייבסט אויפסניי פאַרחדושט
פאַר דער נייער ליכטיקער אַנטפּלעקונג,
פאַר דעם, וואָס האָסט געזען און קיינמאָל נישט באַגריפן,
און נישט באַגרייפנדיק דו זוכסט אַלץ ווייטער
מיט פלאַטער אינעם האַרץ און בענקשאַפט אין די אויגן.
עס ווערט דיין יעדער אבר פול מיט שירה
און גייענדיק אין וועג פון זוניקער באַשיידונג,
עס ווערט דיין גאַנג אין זון־אויפגאַנג פאַרוואַנדלט
וואָס לייכט און בלענדט אין העלן פלאַם פון ליבע...

יונדב:

עס גייט די ליבע נישט אַרויס פון גרענעצן פון קיום
און ביי איר אָנהייב אָנגעצייכנט שוין איר סוף איז.
ווייל אלץ וואָס הייבט זיך אָן מוז אין סוף
זיך אויפלייזן אין צושטאַנד פון ערב אָנהייב...
אָ גוט געווען וואָלט, מען זאָל נאָר קאָנען
ירשנען די שמחה פונעם ווין נאָך פאַרן טרינקען אים,
עס וואָלט דער חלום וועגן ווין פאַרשווונדן,
געבליבן וואָלט נאָר דאָן די פרייד אַליין.
אָ פרינץ אמנון! דו האָסט די בענקשאַפט נאָך דער פרייד
אויסגעווייטיקט שוין נאָך איידער האָסט געאַנט זי,
דיין גוף אין פיין גייט אויס זוכנדיק אויף דיין געלעגער
די, אין וועמענס קוואַל דו קאָנסט דיין בענקשאַפט שטילן.

דו מוזט, אָ פּרינץ, אין נאַכט אַזאַ אין הייסער,
דערזען זי אויף געלעגער דיינעם אַ באַרוטע
נאָכן שטילן אין איר לייב דיינע פאַרלאַנגען...

אמנון:

ווען אונטער שאָף אַ טשערעדע, אין פאַרנאַכט כ׳וואָלט זי געטראָפן,
אַ באַגאָסענע מיט גלאַנץ פון רויטער שקיעה,
פירנדיק אַהיים די שאָף דעם פאָטערס,
מיט אַ ליד אויף אירע יונגע ליפּן,
וואָלט איך מיין ליד געפלאָכטן אין איר נגון
און ס׳וואָלט דער אָוונט קילער אויף אונדזביידן
פאַרבאָרגן אונדזער גאַנג צו מיין געלעגער...
נאָר נישט אונטער די שאָף איר קול דערהערט איז
און צווישן פאָסטעכער איר לייכטער טראָט געפינט זיך,
ווי אַ אינד אַ דורשטיקער נאָך קוואַליק וואַסער
זיצט זי אַ פאַרבענקטע אונטער לייוונט פון געצעלטן
ביי דעם פאָטער קעניג...

יונדב:

(מיט שרעק)

איז עס איינע אַ פלגש
פון דעם האַר?

אמנון:

ניין,
תמר...

יונדב:

ס׳וועט קומען די געליבטע צו דעם ברודער קראַנקן!
דער קעניג דוד האָט נאָך קיינמאָל נישט
אָפּגעזאָגט זיין דינער יונדב אין זיין בקשה.
כ׳וועל ביי דעם קעניג בעטן אַ דערלויבעניש פֿאַר איר
צו גיין באַהאַנדלען דעם קראַנקן פּרינץ אמנון.
און גליקלעך וועל איך זיין, ווען פּרינץ אמנון
וועט איר אויפֿנעמען און אָפּשיקן ווי אַ שוועסטער...

אמנון:

אַ דאַנק דיר, יונדב, פֿאַר חברשאַפֿט געטרייער
ווען ס׳וועט מיין שוועל מיין איינזאַמער
באַרירט ווערן פֿון אירע טריט די לייכטע
און הימל לויטערן איך וועל דערזען אין אירע אויגן,
וועל איך געדענקען אין דעם גרויסן חסד
פֿון מיין גרויסן פֿריינט יונדב!

בילד 2

אָוונט. פאַרן געצעלט פון אמנון. פונדערווייטנס הערט זיך קלאַנגען פון אַ ליד, געזונגען פון אַ פרוי. דאָס געזאַנג, פול מיט מיידלשער בענקשאַפט, גיסט זיך צונויף מיט דער וואַרעמקייט פון דעם סוף־זומערדיקן אָוונט און שאַפט צוזאַמען אַן אַטמאָספער פול מיט ליידנשאַפטלעכע דער־וואַרטונגען. דאָס געזאַנג דערנענטערט זיך און אויף דער בינע דערשיינט תמר פול מיט נייגער צום אומבאַקאַנטן אָרט, צו וועלכן זי איז געקומען. נאָכן באַרואיקן איר נייגער, זעצט זי זיך אויף אַ שטיין און זעצט פאָר איר ליד, מיט אַ געדעמפטער שטים.

תמר:

פאַר די שאָף אויף פעלדער גרינע
זיסע גראָזן איז פאַרזייט,
און פאַר זוכנדיקע בינען
האָב איך בלומען פיל פאַרזייט,
האָב איך בלומען פיל פאַרזייט.

און פאַר מיידלס אומשולד ריינער
איז דער מאַן שוין אָנגעגרייט,
קומט פון שלאַכט דער יענער, איינער,
מיט שאַל פון דעם טראָמפייט,
מיטן שאַל פון דעם טראָמפייט.

באַגעגנט אים דער פּאָטער־קעניג
פול מיט לויב פאַר גוטער שלאַכט,
ברעגנט ער מיך צו אים אויף שטענדיק
אים פאַרשכורן די נאַכט,
אים פאַרשיכורן די נאַכט.

אמנון :

(קומט אָן פון זיין געצעלט. דערזעט תמרן, בלייבט שטיין,
הערט זיך צו צו איר געזאַנג)

דאָס ליד פון יונגער העלדנמוט און קראַפט
אין די לעגדן פון גבורים,
ווי שיין עס קלינגט אין מויל
פון דער שענסטער פון די טעכטער!

תמר :

אָ ברודער אמנון!
די נאַכט פאַרבאָרגן האָט
די טריט דיינע, די אומגעריכטע
און ס׳האָט מיין האַרץ דערשראָקן לייכט
דיין פלוצלונגדיקער קומען.
ווען אין געצעלט אין פּאָטערס כ׳האָב געהערט
דורך יונדב, דיין פריינט, וועגן דיין שלאַפקייט,

איך האָב פאַרלאָזט מיין מיידלשן געלעגער,
און מיט דעם קעניגס ווונטש באַוואָרנט
געקומען בין איך דיר צו העלפן.

אמנון:

אָ שוועסטער מיינע, שענסטע פון די טעכטער,
עס ליגט אין האַנט דיינער מיין היילונג!
די הייסע נעכט באַלאָדענע מיט בענקשאַפט
זיי האָבן אָנגעגליט מיינע פאַרלאַנגען.
און ס׳איז מיין האַרץ אַן אָנגעשפּאַנטע סטרונע,
גרייט דעם גרויסן ליבעס־ליד צו זינגען.
אָ שוועסטער מיינע, נויג אַוועק דעם שלייער
און לאָז מיין אויג זיך אָנטרינקען מיט בלויקייט
פון די ריינע קוואַלן — דיינע אויגן.
און שטילן זאָל דער דורשט פון מיינע ליפּן
אין דעם הייסן גלי פון ליפּן דיינע!

תמר:

(דערשראָקן)

אָ ברודער אמנון! ריר נישט אָן דעם שלייער,
דעם חותם פון דער צניעות ביי דער יונגפרוי!
ס׳איז דעם קעניגס טאָכטער נישט קיין קדשה

און קאָנסט זי אין אַזעלכער נישט פאַרוואַנדלען.
ס'איז דער וועג פאַר ליבשאַפטן אַ קלאָרער
פאַר דעם קעניג־שטאַם שוין אָנגעצייכנט:
פון דער שלאַכט עס קומט אהיים דער זיגער,
פון קעניג קריגט ער דאַן זיין גרויס באַלוינונג,
צום באַזיסן בחורשן געלעגער,
שענקט דער קעניג אים די שענסטע יונגפרוי.

(איראָניש)

ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרדינט קיין ליבע,
אַ מאַן וואָס איז אין שלאַכטן נישט געגאַנגען!

(קערט זיך פון אים אָפּ)

אמנון:

ס'זיינען ווי דער מדבר־זאַמד דער הייסער
הייסער נאָך צו דיר מיינע פאַרלאַנגען.
ס'האָבן דיינע פינגער ווי די שטראַלן
אויסגעוועבט אַרום מיין הארץ אַ זונקרייז,
וועלכער האַלט מיך אין זיין ליכט געפאַנגען.
אָ טרעט דעם שוועל פון נאַכט נאָר איצט אַריבער
און אין ליכט אין גרויסן וועסט זיך טובלען,
אין דעם ליכט וואָס דו האָסט אים געצונדן

און פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע ליבע.
ס׳וועט די נאַכט זיך באַלד דערשרעקן און אַנטרינען
פֿאַר דעם גרויסן ליכט וואָס וועט אַנטפּלעקן
אַ פֿאַראייניקט האַרץ פֿון צווײ פֿאַרליבטע,
אין מינוט פֿון איינהייטלעכער שירה...

תמר:

נאָר איין געזאַנג איך חלום צו דערהערן —
טראָמפּייט־געשאַל אין גאַס ירושלימס,
ווען פֿירן וועט דער קעניג טאָכטער זײַנע
צום געצעלט פֿון זײַן באַליבטן גבור.
און נישט אין נאַכט אין פֿינצטערער אויף פֿעלדער
אין אָרעמס פֿון אַ מאַן וואָס איז מיט שלאַכט פֿונווייטן,
ביי עדות פֿון געוואָי פֿון די שאַקאַלן,
ווי די לעצטע, לעבנסמידע קדשה..
אַ ריר נישט אָן מײַן שלייער, ברודער אמנון.
איך האָב פֿאַר דיר נישט מער ווי גרויס פֿאַראַכטונג!

(לאָזט זיך גיין)

אמנון:

כ׳האָב מײַן בענקשאַפֿט דורכגעלייטערט אין די טרערן
אין די הייסע נעכט אויף מײַן געלעגער.

און כ׳קאָן מײַן האַרץ נישט מער באַצווינגען, זי זאָל הערן,
די קלוגע קאַלטע רייד פון קעניגס טאָכטער.
אויב ס׳איז באַשערט א חלום בלויז פון ליבע,
אַ דמיון בלויז, און נישט די ליבע ריינע,
וואָס גיסט פון הערצער צוויי צונויף אין אײנעם
אין איין גרויסן ליבעס־ליד באַשטראַלטן,
זאָל זיין דער חלום, פאַרן גוף אַ מאָלצייט,
ווען די נשמה בלייבן וועט אין טרויער.

(ציט זי צו זיך)

תמר:

ווי פאַסטעך לעצטער פון דער קלענסטער סטאַדע,
דו רויבסט אין אומכבוד דעם כבוד פון דיין שוועסטער!

(וויינט)

אמנון:

(רייסט ווילד פון איר אַראָפּ דעם שלייער. שלעפּט זי מיט געוואַלט הינטער דער בינע. עס ווערט טונקל אויף דער בינע. שטאַרקער אויסדרוק פון טיפן טרויער)

אמנון:

(דערשיינט טרויעריק און דערשלאָגן)

פאַרלאָשן איז דאָס ליכט פון האַרץ
דאָס ליד פאַרשטומט אויף אייביק.

(ווייַנט)

תמר:

(דערשיינט. דערשלאָגן. קומט ביסלעכווייז צו זיך. איר געזיכט, באַפרייט פון שלייער, דריקט אויס אי צניעותדיקע שרעק אי פרעכקייט)

דיין דינסט, וואָס האָסט מיט גוואַלט
איר פרייהייט צוגערויבט,
איז דאָך דיין דינסט געבליבן, אונטערטעניק.

(נעמט אים אַרום)

אמנון:

(אַן קלאַנג אין שטים)

אויסגעלאָשן איז דאָס ליכט,
די נאַכט האָט מיך אין נעץ אירן געפאַנגען.

תמר:

עס וועלן קומען פאַסטעכער מיטן פאַרטאָג,
און אין מיין שאַנד זיי וועלן מיך דאָ טרעפן,

אמנון, שפרייט אויס געצעלט דיינעם פֿאַר מיר,
און זאָל די נאַכט די היינטיקע דער אָנהייב זיין,
פֿון אונדזער גאַנג געמיינזאַמען אויף וועגן.
עס קאָן דעם קעניגס טאָכטער נישט שפּאַנען מיט דער שאַנד
פֿון אָרט ווו דו האָסט זי מיט גוואַלד באַלעגן!

אמנון:

אין מיין געצעלט עס איז נישטאָ קיין אָרט
פֿאַר דיר און נישט פֿאַר קיינעם וואָס וועט קומען,
דאָס ליד פֿאַרלאָשן איז אויף אייביק,
זיין קלאַנג פֿאַרשטיקט איז שוין אויף נישט דערהערן.
אומזיסט זוכסטו, תמר, אַ פֿונק פֿון דעם
וואָס האָט געברענט און דו האָסט עס פֿאַרלאָשן.

(פּויזע)

ווען אַלץ איז טויט, און טויט איז אויך דאָס האַרץ,
מוז אויך דער גוף באַפרייען זיך פֿון לעבן.

(פֿאַרגראָבט דאָס פּנים אין די הענט)

תמר:

(שטייט אויף אַנטשלאָסן)

דאָס אָרט ווו ס׳האָט געשפּאַנט תמר
אויף וועג אַהער און אויף צוריקוועגס,
וועט צייכענען דאָס בלוט פון פּרינץ אמנון
פאַר לעסטערונג און שענדונג פון זיין שוועסטער!

(אָפּ)

אמנון:

(בלייבט זיצן דאָס געזיכט פאַרגראָבן אין די הענט. די פינצטערניש פון דער נאַכט ווערט שווערער און געדיכטער. מען הערט דעם אומעטיקן מאָנאָטאָנעם געזאַנג פון די נאַכטפויגל. פונדערווייטנס הערט זיך דאָס ליד פון דער קדשה. וואָס אַמאָל נענטער ביז זי דערשיינט. דערזעען אמנון פּלאַצט זי אויס אין אַ ווילד געלעכטער)

קדשה:

(מיט איראָניע)

אַ פּרינץ אמנון,
די נאַכט אויף אירע פליגל טונקעלע
האָט אַלץ נאָכנישט געבראַכט דיר די אויסגעטרוימטע ליבע?

(לאַכט)

אמנון:

(טרויעריק שטיל)

אויסגעטריקנט איז דער קוואַל אויף אייביק
אין האַרץ, וואָס איז נישט מוטיק און נישט גלויביק.

קדשה:

אַ פּרינץ אמנון,
דו האָסט געזוכט וואָס דו ווייסט
קיינמאָל נישט געפינען!
דער צניעותדיקער שלייער ביי דער פרוי
איז דער לבוש נאָר אויסערלעכער וואָס דאַרף פאַרדעקן
דעם ברויזנדיקן שפּיל פון בלוט
וואָס יעדע יונגפרוי איז אים גרייט צו צינדן.
אומזיסט האָסטו געזוכט אָט יענעם פונק
וואָס האָט געגעסטיקט בלויז ביי דיר אין האַרצן
און איז צום טויט פאַרמשפט
גלייך מיט דיר צוזאַמען.
אַ ליגן איז די ליבע ביי אַ פרוי
און אויך ביים מאַן ז'איז אויסגעטראַכט,
אַ ליגן!
ווען דאָס בלוט שפּילט אויף זיין ברויזנדיק געזאַנג

איז נאָר מיט מיר, מיט מיר נאָר
גוט צו ליגן!

(ציט אים צו זיך)

אמנון:

(גייט איר נאָך סוגעסטיוו)

אַ נעפּל פינצטערער פאַרצויגן האָט מיין אויג,
דאָס האַרץ איז לער, געשטאָרבן אַלע קלאַנגען.
איך זע דאָס טריפנדיקע בלוט פון טויטער נאַכט
און ס׳צאַפּלען אין גסיסה געזונגענע געזאַנגען.
אָ קדשה, קום! אין פרעכן דיינעם שויס
דערשטיקן לאָמיר ביידע דעם שטאַרבנדיקן נגון,
נאָר דו, די ברוסטן דיינע, זענען אמת בלויז,
די אויסגעבענקטע ליבע איז אַ ליגן!
אַ ליגן, וואָס זיין אַנהייב איז די בענקשאַפט
און אויך זיין סוף איז בענקשאַפט נישט געשטילטע.
קום, לאָמיר ביידע אין דער נאַכט
אַ קלונג טאָן אין דער לופט מיט געלעכטער אונדזער פרעכן,
אָ לאָמיר דאָ צונויפנעמען די טרוימען אַלע,
וואָס האָבן מיך פאַרנאַרט און אויסגעלאַכט
און פאַר די אויגן פון דער נאַכט זיי דאָ פאַרשווענכן!

(געפינט תמרס שלייער)

אַט איז דער שלייער פֿון דער פֿאַלשער פֿרוי,
וואָס האָט מיין האַרץ מיט חשבון קאַלטן אויפֿגענומען,
די לידער אויסגעצוונגענע פֿון ליבע און פֿון שיין
פֿאַרטרונקען ווערן זאָל אויף אייביק אין דעם ברונעם —
פֿון פֿרעכן שויס דיינעם, אָ קדשה אין דיין גוף
עס זאָל זיך אויפֿלעזן מיין לעצטער פֿונק פֿון גלויבן,
שפּרייט אויס דעם שלייער אירן קדשה, דאָ אַצינד
ער זאָל אונדז דינען פֿאַרן הפקרן געלעגער,
ווי הפקר ס'איז די פֿרוי וואָס כ'האָב געליבט
און איז צו קליין געווען צו ליבע צו דערלאַנגען!

קדשה:

(שפּרייט מיט שאָדן־פֿרייד דעם שלייער אויף דער ערד)

אמנון:

(דערזעט זיין האַרפֿע שטיין. קוקט ווי פֿאַרוווּנדערט. גייט ווי אין חלום צו דער האַרפֿע. זינגט)

„ווען דו וואָלסט צו מיר געקומען
וואָלט די נאכט געוואָרן העל,
טויזנט ליכט פֿון טויזנט זונען
קומען וואָלטן צו מיין שוועל..."

אַ קלאַנג אַזאַ באַקאַנטער אַזאַ נאָנטער,
ווי דאָס האַרץ אַליין וואָלט אים געזונגען.

(פלוצלונג)

אָ ניין! עס איז דער קול נאָכנישט געשטאָרבן,
ס'איז בלויז נישט זוכה צו קיין ווידערקול דערהערן!
אָ קדשה! גיי פונדאַנען שנעל! דו קומסט אַצינדער
ווי אַ מויז צעגריזשען דאָ מיין חלום.
וואָס פון דעם האַרפּע־קלאַנג און בלוט פון האַרצן
איך האָב געוועבט אים אין די שעהען הייסע.
עס לעבט און עס וועט לעבנבלייבן אייביק
דאָס ליכט וואָס זי אין מיר האָט אָנגעצונדן,
נאָר זי אַליין די שטראַלונג נישט דערזען האָט,
און האָט געניִדערט אין דעם תהום פון חושך.

(נעמט אַוועק דעם שלייער)

אָ נעם אַוועק די הענט דיינע, אומריינע
פון שלייער אויסגעוועבטן פול מיט צניעות!
עס האָט איר פיינט געקראָגן אמנון דער פאַרליבטער,
נאָר אין זיין ליבע האָט ער נישט געלייקנט!
אין ערשטן שטראַל פון זונאויפגאַנג באַנייטן
אויפשטיין וועט די וועלט אַ לויטער־ריינע,
און אין פרימאָרגן בלוי עס וועלן פויגל

אויסזינגען דאָס ליד פון ליבע אמנונס,
וואָס אין זיין האַרץ געבליבן נישט פאַרלייקנט.
אָ האַרץ מיינס אויסגעוויטיקטע אין ליידן,
אָ האַרץ מיינס אויסגעצוונגענע אין ליבע,
דו ביסט דער סוד פון סודות אויף דער ערד דאָ,
דו ביסט די סיבה פון די פריידן און די ליידן,
דו ביסט דער שטאָלץ פון מיינע לירישע געזאַנגען,
דו ביסט דער ווייטיק פון מיין גרויסן טרויער,
און די וואָס האָט מיין ליבע נישט באַנומען,
און נישט געקאָנט צו הויכקייטן דערלאַנגען,
אָ שענק איר, האַרץ מיינס, אַ טראָפּן פון דיין מיטלייד,
און שיק איר נאָך נדבה פון באַדויער.

קדשה:

(צעלאַכט זיך שטיל. וואָס אַמאָל העכער. איר געלעכטער
ווערט איבערגעריסן פון אַ טומל פון דער ווייט, וועלכער
קומט וואָס אַמאָל נענטער. עס דערשיינט יונדב)

יונדב:

די שטילע נאַכט האָט אין איר שלייער
געבראַכט צו מיר די שרעקלעכע דערפאַרונג,
אַז ס'האָט תמר, דעם קעניגס טאָכטער,
געוואַלגערט זיך אין שאַנד, צופוסנס
פון געצעלט פון פריינט מיינעם, פון אמנון.

אמנון :

עס האָט די נאַכט, די פינצטערע, די הייסע,
דערהערט דעם יאָמער פון אַ האַרץ געגנאַרטער,
אין איר גרויסער בענקשאַפט צו דער ליבע...

יונדב :

ווען ס׳גייט אַ שטורעם דורך אַריבער וועלדער
און בוים ווערט אויסגעריסן מיטן וואָרצל
עס בלייבט קיין צייט נישט מער צו ריידן וועגן בלומען...
עס ווייננט דעם קעניגס טאָכטער אין איר צעלט דאָרט
און די נקמה וועט נישט אויסמיידן צו קומען...

אמנון :

פון אַלע שרעקן איז די שרעק די קלענסטע
פאַר דעם טויט, וואָס קומט ווי אַ דערלייזונג
צו דעם צער פון הארץ פון אָפגענאַרטן.
נאָך איידער ס׳האָט נקמה־פלאם צעפלאַמט זיך
אין דעם האַרץ פון נאָנטע און פון ווייטע,
עס ליגט געשטאָרבן שוין די האַרפע
וואָס האָט די הייסע לידער אויסגעזונגען,
און מיט דער בענקשאַפט אָפגעשטאָרבענער אין האַרצן
וועט אויך שטאַרבן אַ באַרוטער אמנון.

אָ קומט גבורים פון דער שטאָט ירושלים
אָ קומט איר אַלע אייגענע און נאָנטע,
און רייסט אַרויס די בלום מיט טיפן וואָרצל,
וואָס איז פון צער פון לאַנג שוין אויסגעריסן.
אָ פריינט מיינער, יונדב, איך גיי דעם טויט אַנטקעגן
ווי ס׳גייט א יונגפרוי אין איר בענקשאַפט צו דער חופּה,
ווייל נאָר אין שוואַרצע פליגל זיינע שטילע
געפינען וועל איך רו די אויסגעבענקטע
וואָס באַפרייט פון ליידנשאַפט און ליידן.

אָ טויט, דו אייביק־שטאַרבנדיקע שקיעה,
דו האַרבסט אין־סופיקער מיט הימלען פול מיט טרערן,
נעם מיך אין די אָרעמס דיינע קאַלטע
און פאַרוויג אין גסיסה־נגון דיינעם
מיין גוף, וואָס איז אין בענקשאַפט אויסגעגאַנגען.
שפּרייט אויס דיין שוואַרצן שלייער פון דערלייזונג
אויף יעדן גאָרטן־באַנק ווו כ׳בין געזעסן
און אין בענקשאַפט גרויסער אויסגעזונגען
דאָס ליד פון ליבע, וואָס איז נישט דערגאַנגען
צו די הויכקייטן, נאָר האָט גענידערט
צו דעם תהום פון דיר אָ טויט, דערלייזער.
אָ נאַכט, דו פינצטערע, באַרוטע,
אָ נאַכט מיט יאָמער פול ווי בעטלערישע פידלען,
פאַרהאַלט דיין גאַנג, אָ נאַכט, בלייב שטיין דאָ,

און זאָל פֿאַרטאָג פּאַרשפּעטיקן צו קומען.
נעם אַ נאַכט מיך, אין דיין שויס דעם פֿינצטערן
פֿאַרוויג אין טויטן־בעט די גלידער מיינע,
וואָס האָבן ווי אַ בלום צום זונליכט זיך געצויגן
און נישט געקאָנט צום זונענשטראַל דערלאַנגען.
אַ קומט גבורים, זין ירושלימס
און שטעכט אַדורך מיין האַרץ מיט שפּיזן שאַרפֿע,
זאָל שטאַרק זיין אייער אָרעם, אָן שום ציטער
זייט מקיים אונדזער אַלטן מנהג
פֿון טובלען זיך אין בלוט פֿאַר פֿרעכער שענדונג.
זאָל אָפּטריפֿן מיין בלוט פֿון אייערע כּלי זין
אויף דער ערד וווּ ס׳האָט אַמאָל געטראָטן
אמנון דער פֿאַרליבטער נ׳אין זיין ליבע
ער האָט קיין בת־קול נישט דערלעבט צו הערן.
זאָל אָנטרינקען די ערד זיך מיט דער משקה
וואָס איז פֿאַר אמנונען געוועזן לעבן.
און זאָל זיין אומרו, ווייטיק נישט געשטילטער
ווערן מאַמע־ערד איבערגעגעבן
און אין פֿאַרטאָג, אין ערשטן שטראַל פֿון אויפֿגאַנג
וועט די ערד באַדעקן זיך מיט בלומען
רויטע, ווי דאָס בלוט פֿון האַרצן,
פֿון דעם, וואָס האָט צום אויפֿגאַנג נישט דערוואַרט זיך.
און אייביק, אייביק, איבער דורי דורות
וועלן בלומען אין די פֿרילינגן דערציילן

פון אַ האַרץ וואָס האָט געוויטיקט אין זיין ליבע
און אין ליבע איז עס אויסגעגאַנגען.

(עס הערט זיך אַ גערויש פון שטימען. עס
דערשיינט אבשלום מיט זיינע באַגלייטער)

אבשלום :

דער מאַן וואָס האָט דעם שאַנד־צייכן
אויף שטערן שוועסטערס אָנגעשריבן,
וועט מוזן אים מיט בלוט זיינעם פאַרמעקן...

אמנון :

עס גייט צום טויט דיין ברודער אמנון
און ביז צום וועג צום לעצטן, פינצטערן,
עס וועט נאָך ליכט אין הארץ גענוג אים קלעקן...

(אמנון לאָזט זיך גיין. נאָך אים אַלע)

אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן

1

אלולדיקע טעג מיט גינגאָלד־זון באַגאָסענע,
מיט פרוכטן־רייפקייט אָנגעזאַפּטיקט גאָלדערנע פאַרנאַכטן,
ווער האָט אייער גאָלד־געשפּין מיט קלאַנג מיט שוין פאַרגעסענעם,
ווער האָט אייך אַ רוף געטאָן צו יאָגן זיך אין שלאַכטן?
עס הענגט די שווערע פרוכט אין דעם פּרדס אין דעם צעצונדענעם,
אין שקיעה־פלאַם די עפּל צינדן פייערדיק זיך אָן,
די פרייד פון זעט פליט אָן — אַ פויגל אויפגעבונדענער,
אין ליכט און טוי געבאָדענעם, זוניקן שרון.
די פעלדער, ווי די טעפּיכער, אין גרינסן איינגעוויקלטע,
פרוכטיקן אין צייטיקייט געגערט פון טיפסטער טיף,
און איבער זיי דער הימל, אַ צעבלויטער, אַ צעוויקלטער,
יום־טובט איבער פעלדער מיט פרייד פון חג־אסיף.
אלולדיקע טעג מיט שלוה־ליכט מיט האַרבסטיקער,
מיט סטאַדע־טראָט געמאָסטענעם אויף פעלד צו וועג אהיים,
ווער האָט אייך איצט אויפגעפלאַמט מיט בלוט־געלויף מיט האָסטיקן,
און האָט באַפוילן אייך אין שלאַכט אַריין צו גיין?

2

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, פון די טרוימען די אייביקע,
ווו געווען און געזען האָבן בליקן די גלויביקע,

אַט דעם גאַנג, יענעם גאַנג, אין פאַרצייטנס געגאַנגענעם,
צו דעם ראַנד פון דעם לאַנד דעם געטרוימטן, פאַרלאַנגענעם.

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, אין דער קלאָרקייט קאַיאָריקער,
ווו אין פלאַמען געשטאַנען דער מענטש אַ באַהאָריקטער,

און אין ליכט זיין געזיכט געוואַשן, געריייניקט אים,
ביז ער האָט מיט זיין גאָט זיך באַהעפט און פאַראייניקט זיך.

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, ווו מיט שאָף נישט געפיטערטע,
אין צוזאַמען געשטאַנען דער פאַסטעך פאַרציטערטער,

און אין היץ און אין בליץ פון דער געטלעכער בענטשלעכקייט,
דאָס ליכט אומגעריכט געבראַכט פאַר דער מענטשלעכקייט,

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, יענעם אייביקן, אייגענעם,
פול מיט גלויבן, דערהויבן, מיט קאָפּ מיט געבויגענעם,

געשטאַנען די ציידעס, די עדות פון ליכטיקייט
באַקוואַלט און באַשטראַלט מיט מענטשלעכער ריכטיקייט,

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, האָט אַ רויבער באַנעסטיקט זיך,
מיט שרויט און מיט טויט קעגן לעבן פאַרפעסטיקט זיך,

פון דעם באַרג, יענעם באַרג, נאָר דאָס ליכט צו באַוויליקן,
איז דער שטן געטראָטן מיין פאָלק צו פאַרטיליקן.

3

אַ שטילקייט אַ סוף זומערדיקע, אַן אוונט אַ פאַרטראַכטער,
וואָס נאָר דאָס הייסע האַרץ בענקט צו שטילקייט צו אַזאַ,
ווער האָט עס אַנגעיאָגט אונטער לאָדנס צוגעמאַכטע,
פונוואַנען יאָגט איצט אַן א דזשיפּ אין דער שכונה?
דער מאָטאָר ווערט פאַרשטומט ער טוט א לעצטן ציטער,
די לויזע שויבן־טיר עס טוט אַ קלונג,
ס'באַווייזט זיך אין דער טונקל אַ בחור א געניטער.
אַ שוואַרצער שויבער ווינטיקט אויפן קאָפּ פון יונג.
ער וויקלט אין דער האַנט אַ שמאָל פּאַפּירל,
און גיט זיך אַזאַ לאַך מיט ווייסע ציין:
ווער וועט אים דאָ צום „שיקינאַזי" פירן,
אַז פינצטער איז אַרום, מען זעט נישט ווו צו גיין.
נאָר באַלד באַווייזט אַ יינגל זיך, קונדיסיש צוגעלאָפן,
און שטייט שוין נעבן בחור, נעבן דזשיפּ,
די אייגלעך ביי דעם יינגל מיט שקאַצישקייט פאַרלאָפן,
און ס'שאַרצט זיך חוצפּהדיק אַ דינע ליפּ:
דו דאַרפסט צו מאַטקען? קום, איך וועל דיר ווייזן,

לאָז שטיין דעם דזשיפּ, אין וועג אַ וואַדי איז, אַ גרוב.
אָט דאָרטן ווינט ער, אינעם לעצטן הײזל,
ער איז אודאי איצטער דאָ אין שטוב.
אַ קלאַפּ אין טיר, מען ענטפערט אָפּ אים: ביטע,
אין גאַנצער לענג אין שטוב עס שטייט דער יונג,
דער סוד פון נאַכט האָט זיך מיט אים אין שטוב אַריינגעשניטן,
און ס׳פאַלט אַ וואָרט, אַ קורצס, אַ מעסער־קלונג:
מ״פּ מאָטקע, מרדכי, און ווייטער
דיין שיקינאַזישע פאַמיליע איז נישט צו לעזן גרינג,
אלציינס, דאָ שטייט מיין דזשיפּ, מיר וועלן איצט אַ רייט טאָן,
נאָר מאַך עס שנעל, אין זמן, טו אָן זיך פלינק.
דאָס שקאָצעוואַטע קונדיסל עס שטייט פאַרגאַפט,
דאָס ליכט פון דזשיפּ צינדט אָן אין אויג ביי אים אַ פלאַם,
נאָר אָט האָט ער אויף דזשיפּ זיך שוין אַרויפגעכאַפּט:
חבר, דערלאַנג זיי דאָרט! תהרוג שם את כולם!

4

די לאָדנס פאַרמאַכט און דאָס פּנים פאַרמאַכט,
אין אָנטאָן זי ליגט אויף געלעגער און טראַכט.

וואָס איז געשען דאָ, זי קאָן נישט פאַרשטיין,
מען האָט גאָר פאַרגעסן, מען קומט נישט צוגיין.

אין שטילקייט געפּעדערט אין ערב באַגין,
עס גייען די טאַטעס, עס גייען די זין

אַהינצו, צו שטעלן אַ צאָם דער געפאַר,
צו געבן סכנה מיט לייב אַ פאַרשפּאַר.

און דאָ איז אַ שטילקייט אין צימער, וואָס פּרעסט,
ווי קאָן עס געמאָלט זיין? מען נעמט און פאַרגעסט?

זיצט סענדער פאַרטראַכט אין דער שטילקייט פון נאַכט,
כלומרשט ער דרימלט, ער איז אָבער וואַך.

פאַרשפּיצט דעם געהער נישט צו טאָן זיך אַ ריר,
ער וואַרט אויפן שטילן קלאַפּ אין דער טיר.

דאָס ייִנגערע קינד שלאָפט רואיק זיין שלאָף
און חלומ׳ס א חלום פון שניי־ווייסע שאָף,

דאָס צווייטע, געוואָרן איז ערשט יאָרן אַכט,
עס ליגט, ווי די מאמע, אין בעט און עס טראַכט.

וואָס גייט איצט אין קינדישן מוח פאַרביי
אין נעכט אָנגעגליטע מיט גלי פון סיני?

ביז פלוצלונג טוט גיטל אַזוי זיך אַ זאָג:
סענדער, דו לייג זיך, כ׳וועל וואַרטן אויף טאָג...

5

די זון האָט קוים באוויזן זך אין מדברדיקן פּאַס,
די נאַכט האָט אין פּרדסים נאָך פאַרבעטן איר געלעגער,
די ערד איז נאָך פון טוי געוועזן זאַפטיק־נאַס,
און ס׳האָט געגלאַנצט מיט פייכטקייט, מיט נאַכטישער אויף וועגן.
האָבן שאָטנס זיך געצויגן פון שכונה־גאַס אַרויס,
צום כביש, וואָס ווי אַן אָדער ער ציט זיך אין דער ווייטקייט,
הינטער דיר מיט לאָדנס בלייבט צוגעמאַכט דאָס הויז,
פאַרויס עס וואַרט אויף דיר די אומבאַוווסטע שטרייטקייט.
גיט גיטל סענדערן דאָס פּעקל אָן אַ וואָרט,
זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן אין דער שעה דער הייסער,
זי וויל באַגלייטן, נאָר בלייבט צוגעשמידט צום אָרט,
און פילט ווי איר פאַרלענגנהייט איצט אַלע ווייסן.
זי טוט אַ זאָג: „נו גיי״ און ס׳ציטערט אויף איר שטים,
די קינדער דאַרט אליין, כ׳דאַרף גרייטן צום בית ספר,
גייט סענדער אויפן רוף אין חיל המלואים,
אין האַרץ גייט אויף אַ פלאַם פון אומבאַוווסטן אייפער.
ערשט הינטער טיר, ווען גיטל איז אין שטוב,
דאָס קינד, דאָס עלטערע, איז וואַך און פול מיט שטוינונג.

דערפילט זי ווי אין האַרץ געוואָרן איז אַ גרוב,
און ס׳ציטערט איר די ליפּ ווי זי וואָלט וועלן וויינען.
נאָר באַלד נעמט זי דאָס מיידעלע אַנטאָן אויף דער גיך,
און צוליב וואָס געפינט זי נישט דער קליינערס קליידער.
— ווו האָסטו נעכטן אויסגעריכט אַזוי די שיך?
און מאמע און דאָס קינד פיבערן איצטביידע.
די שטוב איז ליידיק. די טאָכטער איז אין שול,
דאָס קליינע יינגל שפּילט אויף גאַס זיך אין מחניים,
ווערט גיטלס האַרץ מיט הוילער פוסטקייט פול,
ווי די הוילקייט וואָלט מיט קולות שרייען.
גייט אויף פאר איר דאָס בילד פון יאָרן „דאָרט״
פון לעבן הפקרן אויף פרעמדע וועגן,
ווו ס׳איז געוועזן פארשעמט דאָס מענטשלעך וואָרט,
דאָרט האָט זי איר סענדערן באַגעגנט.
געוועזן איז עס אין דער שחיטה פון דער וועלט,
געווען זענען די יידן די ערשטע אויפן מעסער,
פון יידיש בלוט די ערד האָט אָנגעקוועלט.
פון רחמים אָפּגעשלאָסן אַלע שלעסער.
זי זוכט דעם נס וואָס איז זיי דאַן געשען,
ווי האָט ער זיי, פארמשפּטע, געפונען,
אין די הענט ביים תליון שוין געווען,
און פון זיין האַנט, ווי דורכן נס אַנטרונען.
יועד קאָן דעם גורל דען באַשטימען, און זיין וועג
וועד קאָן פון אומבאַוווסטן אין באוווסטן לענקען,

אָט בלויט זיך אין איר פענצטער דער אייגענער דער שטעג,
איר לאַנד טראָגט איר איר לעבן אַ געשענקטן.
ס׳איז סענדער איצט אַוועק, דאָס לעצטע גליק
מיט בלוט פון האַרץ דעם פייער־פלאַם פאַרלעשן,
נישטאָ קיין אומעט איצט אין קלאָרן בליק,
זי וועט איר היים דעם חסד נישט פארגעסן.

6

די בלויקייט צעשווימט אין דעם זונליכט־געמיש,
אַ זילבערנער אויטאָ זיך יאָגט אויפן כביש

אַ הין וואו מען דאַרף ער איילט זיך, ער ציט,
דורך אָפענע פענצטער עס שפאַרט זיך אַ ליד.

זאָל זיין ס׳איז אַ טעות? זאָל זיין ס׳איז אַ חלום?
עס זינגען די זעלנער: מיר ברענגען אייך שלום!

ווער האָט עס געבראַכט און ווער האָט עס פאַרטראַכט
אַ שלום אין האַרץ פון אַ שלאַכטיקער נאַכט?

פאַרויס אויף זיי וואַרט אַ באַשיצונג די גרוב
נאָר מיט זיך מען טראָגט נאָך דעם ריח פון שטוב.

געקומען אַהער איז מען גלייך פונעם פעלד
די שפּע עס וואַקסט דאָרט פאַר היימיש געצעלט.

די יידישע מי האָט צעבליט זיך פאַר יידן,
ווי אַנדערש קאָן זיין איצט דאָס ליד אויב נישט פרידן?

און אויב די געפאַר איצט באַשווערט דעם געמיט,
געפאַר איז געפאַר און אַ ליד איז אַ ליד.

עס שפּאַרט איצט דער אויטאָ צו גרענצען גלייך:
מיר ברענגען דעם שלום, דעם שלום פאַאַר אייך!

7

אַ טאָל אַ באַרג און נאָכאַמאָל אַ טאָל,
ביז מען איז צום פּלאַץ שוין צוגעפאָרן,
צי איז מען שוין געוועזן דאָ אַמאָל,
צי איז עס אַ געדעכעניש פון יאָרן?
קוקט סענדער אין דער ווייטקייט זיך אַרום,
אים היימיש ווערט די אומבאַקאַנטע געגנט,
פונוויטן ליגן בערג פאַרגליווערט שטום,
נאָר ס'דאַכט זיך אים ער האָט זיי ווען באַגעגנט,
ער איז אַמאָל געוועזן דאָ אויף געוויס,

מען דאַרף אַ מיש טאָן דעם זכרון מיט אַ סדר,
נו יאָ, ער האָט געשטעלט דאָ זיינע פיס,
צוזאַמען מיט זיין רבין אינעם חדר,
די שבטים האָבן דאָ געדרוט נאָך הייסער שלאַכט,
גענומען דאַן דעם שונא אין אַ קלעם,
אַ מאָל,ביים סוף פון איינער אַזאַ נאַכט,
האָבן שמעון־לוי צערעכנט זיך מיט שכם.
און סענדער דער געראַטעוועטער פון בלוטיקן יריד,
איז אויך מיט שמעון און מיט לוי דאָ געווען,
אַ סימן, אויך אין פוילן באַליידיקט האָט מען אים, דעם ייד,
די שנאה האָט צום אים, ווי אין דעם חומש שטייט, געברענט.
ער קוקט מיט קלאָרן בליק אין נאָנטער ווייט,
און קאָן נישט זאָט מאַכן די הונגעריקע בליקן,
ווער טאָקע זיין דאָ דער פאַרביסענער דער שטרייט,
ווער טאָקע דאָ די שנאה היינט בלייבן אַ דערשטיקטע!
פאַר בליק אַ שאָטן פליט פאַרביי, אַ שניט,
אַ בארגפויגל איז שאַרף אדרוכגעפלויגן,
מיט לייכטן ציטער שויבערט זיין געמיט,
עס קוקן פיבערדיק צו אים באַקאַנטע אויגן.
עס רעדט צו אים מיט בליקן־שפראַך אַצינד
זיין גיטל אויף דער שכונה־גאַס געלאָזן,
עס רעדן צו אים אויגן פון זיין קינד
ער זאָל געפאַר צום בעטל נישט דערלאָזן.
פאַרבייסט ער, סענדער, ציטעריקע ליפּ.

באַפּעלט צעהיצטן מוח נישט צו טראַכטן,
ס׳איז אייביק שוין געווען אַזוי, דאָס ביסל גליק
מען מוז פֿאַרטיידיקן און אויסקעמפן אין שלאַכטן.
שטייט ער סענדער אין דעם טומל דאָ אַזוי
און הערט זיך צו פֿון באַרגפּייגל דאָס שרייען,
ביז ער הערט דאָס קול פֿון דעם מעם־פּיי,
חברים, אָרדנט איין זיך גלייך אין רייען.

8

די זון איבער בערג גייט איר וועג איצט פֿאַרביי,
עס שטייען די זעלנער מיט ביקס אין דער ריי.

עס רעדט זיך נאָר זעלנער: פּאָר שטייפֿקייט פֿון וואָרט,
טאַטע פֿון קינד שטייט מיט ביקס איצט געפּאָרט.

און ווי אויף פֿאַרווײַלונג און ווי אויף אַ שפּאַס,
עס רעדט צו זיי וויציק דער יונגינקער מ״ז.

די זון האָט באַמאָלט מיט בראָנז זיינע האָר,
די אויגן זיי לויכטן מיט קוים אַכצן יאָר.

ער רעדט און ער שמייכלט און קוקט צו די שיך:
ס׳איז יעדער פֿון אייך פֿיל עלטער ווי איך,

נאָר מילא אַזוי איז דער סדר פון וועלט,
פון היינט וועט איר בלייבן צו מיינעם באַפעל.

פון יענעם פעלז דאָרט וואָס שטייט ביי דעם וועג,
ביז דאָרט ווו עס פירט צו דעם באַרג יענער שטעג,

די גאַנצע מדינה מיט אַלץ אינדערמיט,
עס ליגט איצט פאַרבאָרגן אין דעם שאַרפן שניט.

איז נעמט עס און היט עס ווארט נאָר אויף אייך,
דער טאָג איז מיט אייך און די נאַכט איז מיט אייך.

9

אויף מדבר־וועג אַן סימן פון אַ וועג,
האָבן יונגע לייבן זיך געלאָזן,
אין נאַכט אין טונקעלער זיי זענען דאָ אַוועק,
און ס׳האָבן שופרות זיי אין האַרץ געבלאָזן.
מיט טאַנק פאַרוויקלט, באַגאַרטלט זיך מיט סטען,
זיי האָבן איצט דעם מדבר־זאמד צעאַקערט.
און ס׳איז געוואָרן ווי אַמאָל שוין דאָ געווען,
יוען ס׳האָט אין גאַנג דער מדבר אויפגעפלאַקערט,
ס׳איז פול געווען די לופט מיט יענעם קול.

וואָס האָט געקוילערט זיך אין קולות און אין ברקים,
געוועזן איז איצט ווי ס'איז געווען אַמאָל,
ווען ס'האָט דער מדבר זיך פאַר דונערשטים דערשראָקן.
פאָרויס געגאַנגען איז דער אויפגעפלאַמטער פלאַם
פון מענטש און פון כלי זיין אויפגעפאָרטע,
אונטער טראָט געקרעכצט עס האָט דער צאַם
אין לויער אויפגעשטעלט פון שונא דאָרטן.
און פלוצלונג האָט זיך ווײַסטעניש צעבליט
מיט יענעם ווייטן לאַנג באַקאַנטן ריח,
עס האָט דערהערט די שטימע פון אַ ייד,
ער שפּריינקט זיין בלוט אויף שטיינערנעם מזבח.
געלאָזט אַ שפּור — זיין בלוט, און האָט זיין גאַנג
נישט אָפּגעשטעלט נאָר ווייטער פאָרטגעזעצט אים,
צו יענעם אָרט פון בריאיקן פאַרלאַנג,
וווּ ס'האָט אין צאַן־געקריץ דער פיינט באַזעצט זיך.
פון צפון־מערבדיקע אָדערן פון לאַנד
עס האָט דאָס בלוט א שטראָם געטאָן צום דרום,
און סענדערן געלאָזט אַ שמאָלן ראַנד
ער זאָל זיין רואיקייט באַשיצן מיט זיין אָרעם.
שפּרייט די שטילקייט זיך אויף טונקעלן אַקאַפּ
אין האַנט אַ סטען פון נאָנט־געפאַר צו שיצן,
אַן הימל אויסגעשטערנטער איבערן קאָפּ
און אין דער ווייט ראַקעטע שניידט זיך בליציק.
א ביימל וויגט זיין קרוין אין בלאַסן ליכט.

פון דער רואיקער דער זילבערנער לבנה,
ווער האָט דעם בוים אין שאָטן אויסגעריכט
מ׳האָט כ׳לעבן איצט געקאָנט באגיין זיך אָן אים,
ער זאָל נישט אין דער טונקל וויגן מיטן צווייג,
און ברענגען פאַרן דמיון נישט געבעטענע געשטאַלטן,
און סענדער אין אָקאָפּ ווי אין אַ שטייג
זאָל זיין סטען און אויג אין לויער האַלטן.
אַ בוים? אַ צווייג? און אפשר גאָר אַ מענטש
וואָס קומט דיין האַרץ צעלעכערן מיט קוילן?
אַ ביקס געטרייע, זיי דו איצט געבענטשט,
פאַר אָפּקילן דעם פלאַם פון קאַלטע גרוילן,
ס׳איז פויגל פלאַטער בלויז דער שאָרך
וואָס טראָגט זיך איצט פון קוסטעדיקע דערנער,
און סענדער שטרענגט דעם אויער אָן און האָרכט,
און הערט די שטילקייט וואָס ער גאַרט דערהערן,
ביז ס׳נעמט די נאַכט זיך אָפּוויקלען ביים ראַנד
און נעמט איר קלייד אַראָפּ פון ביימער צווייגן,
און סענדער האַלט זיין סטען אין האַנט
און דאַנקט אים פאַר אַ גאַנצע נאַכט, פאַר שווייגן...

10

דאָס האַרץ פון דער נאַכט איז וואַך און איז אָפן,
און שטורעם פון דרום קלינגט אָפּ אויך אין צפון.

איבער דעם טאָל געהיטן, באַוואַכטן,
צעשיינען זיך שטערן אין פינצטערער נאַכטקייט.

צעצאַפּלט דאָס האַרץ זיך פון בשורות געברענגטע,
פון בלוט און פון לעבן אויף אייביק געשענקטן,

פאַר דעם אַז די שווערד זאָל נישט ווערן צעבראָכן,
און גאַנץ ווי אַ ברויט עס זאָל זיין דער נצחון.

צעשיינען די בשורות ווי זונען אין וווּנדער,
און לויכטן מיט ליכט פון אַן אַלטן יאָרהונדערט,

ווען גבורה געווען אונדזער טעגלעכער ביסן,
און דלאָניע געשאַפן האָט געטלעכע ניסים.

צעוויקלט די נאַכט אַ טונקעלע לענטע,
און שרייבט מיטן פלאַם פון אַ לעבן פאַרברענטן,

פון מוטיקייט יונגער ביז גבורה דערגאַנגען,
און אויפגעשיינט ביז צו די שטערן דערלאַנגען...

11

אויף בערגל אויפן שטייניקן באַוואַקסענעם מיט דאָרן,
אין קרייז אין רונדיקן מיט ביקס און גוף פאַרשפאַרט,

איז סענדער מיט חברים זיינע ווי איין גוף געוואָרן,
געשפּאַנט מען הערט די וווּנדער רייד פון דעם רס״ר.
אין שקיעה פון פאַרנאַכט ער איז דאָ אָנגעפלויגן,
און האָט אַהער זיך אָנגעשטעלט מיט זיינע הויכע פיס,
אַ פונק פון סיני ברענט אין זיינע אויגן,
און צווישן ציין עס צאַפּלט זיך אַ הייסער גרוס.
געקומען איז ער אָפּנעמען אַ גרוס נאָר,
וואָס פילן דאָ די טאַטעס ווייט פון היים,
ווי דאָס איז כלומרשט אַלץ וואָס אים האָט זיך געגלוסט נאָר,
און נאָר צו דעם אַליין ער קומט דאָ איצט צוגיין.
נאָר קאַרג זענען די רייד פון שלעכטע שיך און אָנטאָן,
און שנעל עס לאָזט זיך אויס געשפּרעך פון שווערער נאַכט,
עס צאַפּלט הייס דער נייגער וואָס קומט דיר איצט אַ מאָן טאָן,
די בשורה און די נייס וואָס דער רס״ר האָט איצט געבראַכט.
און ווי דאָס וואָלט געווען אַ פּרווונג אַזאַ שאַרפע,
דאָס אויסשעפּטשען מיט ליפּן טיף־געגאַרטן וואָרט,
צעשפּילט אין האַרץ זיך ציטעריק ביי סענדערן אַ האַרפע:
„דערציייל, דוד, פון דאָרטן, וואָס זשע הערט זיך דאָרט״.
און שקיעה פלאַם צינדט אָן ביי דודן די אויגן,
און שטרענגקייט פון רס״ר טרעט אָפּ פאַר וויזיאָנער,
און ס׳הויבן זיך די קעפּ פון זייערע פאַרבויגונג,
און ס׳ווערט דאָס האַרץ צעפלאַטערטע פאַרוואַנדלט אין געהער:
...ווי אָדלער פון די נעסטן זיי האָבן זיך פאַרהויבן,
מיט פליגל־רויש און מאַטאָר־זשום אַדורכגעזיפּט די לופט,

אַ הימל שטרענגער איבער קעפּ זיי הויבן,
און אונטער זיי דער מדבר־טאָל וואָס לאָקט, וואָס שרעקט און רופט.
אין שורה אויסגעסדרטע, מיט פֿאַל־שירעם אויף פּלייצע,
עס שלינגט דער פויגל שטאָלערנער אין איינגעווייד זיי איין,
נאָר איינער בלייבט אַ ווייל, מיט נאָזלעכער צערייצטע,
ער וואַקלט זיך אַ ווייל, און וויל נאָכבײַשט אַריין.
פלוצלונג וויכט ער אָפּ און לאָזט זיך גיין צום מיידל,
וואָס שטייט אין קליידער זעלנערשע און שרייבט עפּעס אין בוך,
זיין שפּרייז ווערט אַ צעשטרייטער כאָטש ער וויל עס מאַכן איידל,
און ס'טראָגט פון אים אַן אומרו געמישט מיט פעלד־געַרוך.
נו גיב אַ קוש, יעל, אַ נישט איך גיי נישט ווייטער,
און טאָמער עפּעס... ווייסט דאָך, קויף דאָרט אַ פּאָר בלומען,
נאָר טו קיין טובה נישט, — לאַכט ער מיט פאַרשייטקייט,
כ'וועל אָפּגעבן ביים קומען, אויב איך וועל נאָר קומען...
זי קושט אים האַסטיק און ער ווערט פאַרשוווּנדן,
און פליט מיט וווּנדערפליגל אין די הימלען,
אַ טרער אין מיידלס אויג עס פינקלט אָנגעצונדן,
דאָס קלייד אין פלאַטער־ווינט עס הערט נישט אויף צו ווימלען...
אַ קוש געגומענער אין האַרבן בחפּזון,
זיך איינגעוועבט אין רוים אין הייסן שטאָל,
אַ פלאַטערדיקן האַרץ אויף דער ערד געלאָזן,
און אַ געשריי פאַרשטיקטן אויפן מויל.
א שעה? צוויי? אַן אייביקייט פון לעבן?
ווער האָט בכלל אַ מאָס פאַר צייט פאַר'טראַכט?

אַט עפנט זיך דער פֿאַלשירם אין שוועבונג,
און מדבר פֿאַנגט דעם מענטש מיט שטוינענדיקער פּראַכט.

12

תּא חזי, קום און זע ווי ס'ווערט ווונדער געבאָרן,
דער מדבר שיינט אויף מיטן בונד בין הבתרים.

ער האָט זיי דערקענט און געוווסט זייער נאָמען,
די אייניקלעך יונגע פֿון זיידן אבֿרהמען.

ער שפּרייט זיי אַ טאָל צווישן בערג ווי די קרוינען,
און היימיש פֿאַרבעט זיי דאָ לעבן און וווינען.

דער הימל איז שטיל און די ערד איז אַ שטילע,
צווישן עס פֿלאַמערט אַ רויִקע תּפֿילה.

די שקיעה באַלייכט די טאָליקע קילקייט,
און ס'ווערן די יונגען געפֿאַנגען פֿון שטילקייט.

ווי הירשן פֿאַרבליפּט אין פֿאַרדעכטיקן לויער,
פֿאַרצויבערט זיי שטייען אין בערג־אומגעהויער.

אָס אזיג [illegible]ין דאָס האַרץ אין העפטיקער שטרייטונג,
די שיינקייט איז נאָנט און סכנה נישט ווייט איז.

צי איז עס פאַרבלענדונג? אַ טעות מסתמא,
ווו איז ער, דער שופר־געשאַל פון מלחמה?

די זון זי פאַרגייט הינטער באַרגיקן נידער,
און דו, אין דער פראַכט כאָטש צעזינג זיך מיט לידער.

און ס'גאַפן די הירשן אין כשוף אין בלויען,
ביז עפּעס אין לופט האָט געטאָן זיך אַ ראָיע.

אַ זשום איז פאַרביי פון פליגל באַקאַנטע,
און האָט זיי באַפרייט פון דער כשוף־געשפּאַנטקייט.

און באַלד איז אַראָפּ פונעם הימל אַ רעגן,
פון עסן, געווער און זעלנער־געלעגער.

ג'עקומען די וואָר און פאַרטריבן דעם חלום,
דער שלום נישטאָ, איר דאַרפט ברענגען דעם שלום.

13

די זון, ס'איז נישט איר שולד וואָס זי האָט שוין געבידערט,
זי איז נאָר בלויז איר שליחות איר אייביקע ממלא,

געלאָזט האָט זי די מענטשן צווישן בערג צעפּיבערט,
און זי איז זיך אַוועק אַ רואיקע, נייטראַלע.
האָט שאָטן זיך פאַרוועבט מיט באַרג און טאָל צוזאַמען,
און אויסגעשפּינט פון נאַכט אַ דראָענדיקע לאַנדשאַפט,
אין שוואַרצע נישט געזעענע און נישט געאַנטע פלאַמען
זי האָט פאַרגליווערט אין פאַרטייעטקייט די מאַנשאַפט.
געוווסט האָט מען, דאָס אָרט ווו מ׳איז געקומען,
עס איז נאָר אויף אַ ווייל, אַן אָרט נאָר פאַרן אויסגאַנג,
אַז באַלד וועט זיך דער טייוול אויף דעם אָרט צעברומען,
און אָנהייבן דער פייער עס וועט דאָ זיין אַרויסגאַנג.
נאָר איצט איז שטיל, די שעהען זענען לאַנגע,
און דראָאונג פון דער שטילקייט רייסט נישט קיינער איבער,
צי האָט זיי דאָ דער מדבר אין זיין כשוף־שפּיל געפאַנגען,
און פון די בערג עס וועט צו זיי דעם שונאס פייל אַריבער?
אַוווּ איז ער, דער שונא, אין וועלכער זייט פאַרבאָרגן,
פונוואַנען גרייט ער צו אין טויטשפּרונג די סכנה,
ער האָט זיין קול מיט פאָרזיכט און רעכנשאַפט דערוואָרגן,
און אין דעם באַרג־געשפּאַלט פאַרבאָרגן דאָרט זיין פּנים.
אַ שטילער ציטער אין דער מאַנשאַפט איז אַריבער,
געווען איז קלאָר, ס׳איז איבעריק דאָס וואָרט,
מען מוז דעם מדבר אָנצינדן אין פיבער,
אויפדעקן דעם שונא אין זיין אָרט.
און ווי אין אָדלער־נעסט מען טראָגט נישט קיין באַפעלן,
נאָר יעדער ווייסט זיך אויפהויבן צום פלי,

עס שטייט שוין גרייט אַ יונג מיט קוטשערן מיט העלע,
און ס׳פיבערט שוין זיין אויג מיט גבורהדיקן גלי.
אָט זעט מען שוין זיין גוף אין קליינעם דזשיפּ פאַרשפּאַרן,
צוזאַמען איינגעקנוילט אין גורלדיקער שעה,
מיט פולן ליכט צעצונדענע פאַנאַרן,
צעשרייען זיך אין מדבר: איך בין דאָ!
מיט ליכט און רויש ער שניידט די נאַכט אין טאָל דאָ,
פאַרבעט די פייל פון שונא צו זיין האַרץ,
אַבי געשען זאָל וואָס ער האָט געוואָלט דאָ,
אַרויסנאַרן דעם פיינט פון לויער שוואַרץ.
און באַלד דערשיינט דער סוד שוין אַן אַנטפּלעקטער,
אַ פייער־האָגל בליצט אויף דער מאַשין,
עס איז שוין די סכנה געבליבן אויפגעדעקטע,
און ס׳קוילט דער אויטאָ זיך אין פלאַמען פון בענזין.
אין גוף עס ברענען בריענדיקע פליגן,
ער טובלט זיך אין פייערדיקן טוש,
צי וועט ער קאָנען אומקערן וואָס ער האָט דאָרט געקריגן,
זיין מיידל אָפּגעבן דעם צוגעזאָגטן קוש?
פון דזשיפּ געבליבן פלאַמענדיקע לעכער,
מיט טויט אין גוף ער פליט צו מאַנשאַפט אָן,
ער איז געפלויגן הויך, אויב נאָך נישט העכער,
און איז דערפלויגן ביז צום פאַנטעאָן...

14

בלייב שטיין אויף אַ ווייל צום אָרט צוגעשמידט,
דו וועסט באַלד דערהערן אין מדבר אַ ליד.

ס׳איז פרי צום באַנעמען דעם קלאַנג, נאָך צו פרי,
זיין וווּנדערגעזאַנג און מעלאָדי.

פאַרגעסן דאָס ליד איז פון לאַנג שוין, פון לאַנג,
אין פיין האָט געשטיקט זיך דורך דורות דער קלאַנג.

אַ ציטער געטאָן האָט ער דאָ און האָט דאָרט,
נאָר שטענדיק פאַרשטיקט איז געבליבן דאָס וואָרט.

פון משה, יהושע עס שטאַמט אָט דאָס ליד,
מיט אים האָט מען מחנות צו אָרבן געפירט.

דערנאָך איז דאָס ליד אין די געטאָס אַוועק,
און קעגנגעשטעלט זיך די מעסערס, די העק,

ביז ס׳האָט דערגרייכט אונדזער גליאיקן דור,
און האָט ביי דער יוגנט צעשיינט אין די האָר.

בלייב שטיין אויף אַ ווייל אויפן אָרט צוגעשמידט,
דו ווועסט באַלד דערהערן אין מדבר אַ ליד.

15

אין באַרג־געפלעכט אין מדברדיקן זאַמד,
ווו דער שאַקאַל מיט וויסטעניש און הונגער וואָיעט,
האָט זיך פאַרברעכן אויסגעקליבן דאָ אַ לאַנד,
און געגנט האָט מיט שלאַנגען־נעסט געראָיעט.
פון לויער, פול מיט גיפטיקייט אין ציין,
זיי האָבן זיך אין לעבן איינגעביסן,
עס האָט זיי נישט גערירט קיין קינדס געוויין,
פון מאַמעס ברוסט אין טויט אַוועקגעריסן.
געזייט זיי האָבן טויט און גלייך נאָך אים
זיי האָבן שרעק און אומגליקן געלאָזן
אין בלוט פאַרטרונקען מעלה־עקרבים,
און אָפגעצויגן ווי פחדנותדיקע האָזן.
די קינדער אויפגעצויגענע אין דעם קבוץ,
געוואָרן היימיש איז די פינצטערקייט פון בונקער,
זיי האָבן זיך דערוווסט פריצייטיק פון זיין נוץ,
ווען ער האָט זיי בייטאָג מיט נאַכט פאַרטרונקען.
דער פויער האָט זיך פון זיין מי אין פעלד
מיט ליד צו זיך אַ היים נישט אומגעקערט זיך,
און ווען מען האָט דערוווסט זיך אַז ער פעלט,
האָט מען געהערט: ער איז געפאַלן און געווערט זיך.
מיט צאָרן האָבן טאַטעס אַרויפגעבליקט צו זיך,
אין האַרץ ביי זיי געמאָנט אַן ענטפער, אַ באַשיידונג,
פאַר ווילדן קינדער־מאָרד פון פעדאַיִן,
און קעגן דעם אַרויספירן זיי ביידן.

ביז ס'האָט דער מוז אַ ברום געטאָן אויף שפּראַך
וואָס קאָן פאַרטויבן יעדן טויבסטן אויער,
און ראָד־געקריץ און פליגל־פּלי האָט אָנגעבראַכט
די זין, צום אויפבליצן דעם שוואַרצן לויער.
די זון האָט נישט געשרפהט זייער גוף,
דער דאָרשט האָט נישט געפּייניקט זייער גומען,
פון היים האָבן פאַרנומען זיי דעם רוף,
און צוליב איר זיי זענען דאָ געקומען.
און פייער האָט מיט ערד זיך אויסגעמישט,
אין דער אַנטפּלעקונג פון דער וווּנדערקראַפט געהיימער,
אין גאַנג עס ווערט די שלאַנגען־נעסט פאַרווישט,
אבו־עגיליה און רפיח און קוסיימע,
זיי שפּאַרן זיך צום סועצדיקן ברעג,
און הויבן אויף צום הימל דראָאונג בעטאָנירטע,
באַפרייט עס שלענגלט זיך פאַר זיי דער וועג,
פאַרזייט מיט שונא אין געפאַנגענשאַפט געפירטן.
אַ פענצטער אין די ווייטקייטן עס עפנט אויף אילת,
און קינדער לאַכן ביי דעם בונקער אין ניצנה,
זיי האָבן זייער פרייד ביי זיך אין האַנט געהאַט,
און נישט געאַנט גאָר אַז זי איז פאַראַנען.
אויף געגנט האָט געקוילערט זיך דער טיפער ברום
פון שמשונס גאַנג אויף עזה אין פאַרצייטן,
אין טאַנק־געקריץ ער זאָגט איצט אָן: איך קום,
אין עזה ווידער אין אַ הייסער שטרייטונג.

16

צעוועקסל דיין לעבן אויף קליינגעלט, אויף מינץ,
ס'איז פֿאַרט דיר באַשערט ווען צו ווערן אַ פּרינץ.

דיין ליינענע העמד קיל ווערט און קלאָר,
מיט בשמים עס טריפֿן געוואַשענע האָר.

צעשפּילט אויף דיין מויל זיך די געטלעכע לויב,
און ס'ברומט אין דיין האַרצן אַ שניי ווייסע טויב.

פֿאַרלאַנגזאַם דיין טראָט מיט שטאָלץ פֿיל אים אָן,
באַגעגן בת־מלכה וואָס קומט צו דיר אָן.

זי קומט פֿון די בערג ווו ס'איז לויער פֿאַרשטעקט,
איר קאָפּ איז מיט שקיעה פֿון זון צוגעדעקט.

און דו, כאָטש פֿאַרגאַרטלט מיט קוילן און סטען,
דו האָסט דורכן שטויב פֿון אָקאָפּ זי דערזען.

טו אָן אויף דיין האַלדז איר זיידענעם יאָך,
זי קרוינט דיר מיט שבת פּאַר וואָכקייט פֿון וואָך...

17

מעת־לעתן אָנגעלאָדענע מיט ביקסן שטאָל און בענקשאַפט,
מיט גרוב־געגראָב מיט האַסטיקן פּאַר פייער־האָגל דאַמבעס,
מיט גרענעץ־פּאַס פאַרצויגענעם אין טאָליק־טיפער ענגשאַפט,
אין נאַכט־באַהעפט מיט קילן באַרג אויף אמבוש.
פּאַמעלעך שווער זיי וויקלען זיך ווי אויף אַ ראָד מיט זשאַווער,
און קייטלען אויס אַ וואָך מיט לענגקייט פון אין־סופן,
דער אומעטיקער פייגל־פלי אין נאַכט ווערט דיר אַ חבר,
און הונגעריק דיין וואך־זיין רויבט ביי דיר דיין שלאָפן.
דערקייטלען זיך די טעג צו איינער אַזאַ רגע,
אין וועלכער שקיעה לאַנגזאַמט זיך און ווערט אַביסל רויטער,
אַ זילבער־טוי ווערט אויף די שיך די שטויביקע באַלעגן,
און ס׳ווערט דאָס האַרץ מיט זיסן צער צעשיינט און אויפגעלויטערט.
פאַרגאָלדיקט סענדערן אַ ברעם אַ שטראַל אין ערב אויסגיין,
און ער דערזעט אין צערטלעכקייט פּרינצעסין זיינע קומען,
ער וויל אין הייסער בענקשאַפט אַנטקעגן איר אַרויסגיין,
נאָר אין זיין האַרץ עס ברומט עפּעס און הערט נישט אויף צו ברומען.
פאַרגייט ער שווער, מיט שבת־טריט, צום צריף מיט רו באַלויכטן,
און וועבט זיין קול אין זמר איין וואָס ער האָט שוין פאַרגעסן,
ער פלאַמט זיך איין אין שבת־שיר און שטייט שוין אויפגעלויכטן,
און איז מיט האַרץ מיט אָפענער מקבל די פּרינצעסין.
ביים עמוד שטייט אַ יונגער מענטש מיט פייער־באָרד צעצונדן,
די שבת־העמד צעפינקלטע, אויף לענדן אַ נאַגאַן,
ער האָט זיין קול פון פערל־שנור צו פרייהייט אויפגעבונדן,

צו דרשה פונעם רב מען הערט זיך צו געשפּאַנט.
ער וויקלט רו מיט אומרו אין רייד אין נישט דערזאָגענע
און ס׳ציטערט אויף ביי אים די שווערע ברעם,
די שבת־רו געגאַרטע, אין קדושה אָנגעטראָגענע,
וואָרנט אונדז און לערנט אונדז וחי בהם...
מיש אויס ביים סאַמע פֿויטיקן די וואָכקייט מיט דער הייליקייט,
די משא טראָג, פֿאַרגרעסער אויך דעם שפּאַן,
פֿאַרטרייב אין לויער־נאַכט די וויזיע פון דער גרויליקייט,
מיט הייסן פינגער קלאַמער אויף שטאָל פון דעם נאַגאַן.
ביים עמוד שיינט דער שבת — אַ קעניגן צעליכטיקטע
און פיבערט אויף ביים קלאַנג פון איר צויבערדיקן נאָמען,
די נויטיקייט און וויטיקייט פון שטרענגער שעה באַריכטיקט זי,
און דורך די שבת־לכט זי פלעמלט גליאיק: אָמן,
אין דרויסן וואַרט די נאַכט אַ שטרענגע, אַ פּאַרטייעטע,
מיט אומעט אויסגעהאָפטענעם אין קלייד,
דער גרוב, פון הייסן טאָג אין זון־גלי אַ צעפייערטער,
האָט פאַר דיר זיין אינגעווייד צעשפּרייט,
שטייט סענדער אין אָקאָפּ אין נאַכט־מאַנטל פאַרוויקלטער,
ביז שווארצקייט ווערט פאַרווישט פון בוימערדיקן גרין,
עס שיינט אים אויף דער נס אין פייגל־פלי צעצוויטשערטן,
ער האָט זיך אויסגעטרוימט דעם זילבערנעם באַגין...

אינהאלט

ערשטער טייל: פארלענד

זייט

1. פּאַראַן אַ שעה — 7
2. פלאַמען — 8
3. אין דער נאַכט פון אַפּריל — 18
4. דער יונגער גענעראל — 20
5. אין דינסט פון פאָלק — 21
6. חלומות — 22
7. דאָס מיידל מיט די בלויע אויגן — 25
8. צו פוילן — 27
9. באַלאַדע — 29
10. באַלאַדע וועגן צווי הערצער — 32
11. אויפן קבר פון פרץ מארקיש — 35
12. אנטוישונג — 37
13. צער און צאָרן — 39

צווייטער טייל: איילבירטבלעטער

1. די באַלאַדע וועגן יונגן אָדלער — 55
2. מיין אַנקום — 60
3. מיין איילבירטבוים — 61
4. אוירון — 63
5. אין גאַרטן צעבליטן — 66
6. אַ ליד וועגן נייעם עולה און אייביקן זומער — 68
7. מיינע ברידער פון פוילן — 70
8. אַ באַל אין האָטעל אכדיה — 72
9. געטרייע קרובים — 75
10. דאָס געווין פונעם ווינט — 78

11. פסח תשי״ז — 82
12. אויף דער וואך — 84
13. אויף די בערג — 85
14. אַ שעה — 86
15. רעגיאָנעלע געשטאַלטן — 88
16. דאָס לעצטע ליד — 90
17. צו די יונגע הי געבוירענע — 93
18. אין פּאַרכטיקע טעג — 95
19. וויאַזוי ווערט געשאַפן דאָס ליד — 97
20. פלאַנצן — 100
21. אַ רויטע בלום — 102
22. אַ היים — 105
23. דער נס — 107
24. קינדער פון לאַנד ביי דער ווייסל — 109
25. בלוט און בלוט־בלבול — 112
26. דער שרייבער איליא... בן חנה — 115
27. באַלאַדע וועגן דער וועלט און ר׳ אלתר מיט זיין געלט — 117
28. דער וועג צו שיינקייט — 119
29. נידערשלעזישע לאַנדשאַפט — 121
30. פּוילישער ווינטער — 122
31. פּוילישע באַלאַדע — 123
32. דער סוד — 125

דריטער טייל: אין פידל־שפּיל

1. שרעק — 129
2. אין בענקשאַפט צו דיר — 131
3. ערשטער פרילינג־טאָג — 133
4. געראַטעוועט גליק — 134
5. אַ חלום — 136
6. באַלאַדע וועגן דעם מיידל, דעם דיכטער און גאָלדענעם שטויב — 138
7. שענק מיר דיין בילד — 140
8. צו מיין האַרץ — 142
9. געווען איז אַ חתונה — 143
10. אַקאָרדן — 146
11. כ׳וועל נידערן אייביק צו דיר — 148

12. אין אַ שלאָפלאָזער טאָכט — — — — — — — — — 149
13. קאַפּריז — — — — — — — — — — — 151
14. בענקשאַפט — — — — — — — — — — 153
15. אויספאַרקויף — — — — — — — — — — 155
16. אין פידל־שפּיל — — — — — — — — — 158
17. דערקענטעניש — — — — — — — — — 160
18. צימבל באַלאַלייקע (פאָלקס־מאָטיוו) — — — — — — 162
19. ס׳איז פאַראַנען אַן אומעט — — — — — — — 165
20. צו דיר וואָס כ׳האָב ליב געהאַט — — — — — — 169
21. דער אָנהייב — — — — — — — — — 171
22. אַ בלימעלע אַ בלויאינקן — — — — — — — 175

פערטער טייל: פון קוואַל

1. משה אין מדבר (דראַמאַטישע פּאָעמע) — — — — — — 179
2. אמנון (טראַגעדיע) — — — — — — — — 187
3. אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן — — — — — — 219